STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01103

DER GOYLEM

H. Leivick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

דער גולם

דראמאטישע פאעמע

אין אכט בילדער

פארלאג קולטור-ליגע ווארשע

Copyright 1921
by
H. Leivick, New-Jork

געדרוקט אין 3500 עקז. ווארשע 1922

געזעצט ביי ברוק און ביר, קארמעליצקע 4
געדרוקט „די וועלט", נאוואליפיע 7

Der Golem—H. Leiwik (dramat)
Wyd. „Kultur-lige", Warszawa 1922
Druk. „DI WELT", Warszawa Nowolipie 7.

דעם אָנדענק פון מײנע
פאַרשטאָרבענע עלטערן:
שאול און אסתר

פ ע ר ז אָ נ ע ן

מ ה ר ״ ל
רביצין
דבורהל
ז ע ׳ גולם
יצחק
יעקב
שמש
ר׳ באסעתי
תנחום
טאַדעוש
מאַנאַך

ו ו אַ נ ד ע ר ע ר :

דער אַלטער בעטלער
דער יונגער בעטלער

אָ ר ע מ ע ל י י ט :

דער הויכער
דער רויטער
דער בלינדער
דער קרומער פוס
דער האָרבאַטער
דער קראַנקער

דער אינו נראה
דאָס געשטאַלט פון מהר״ל
דער גייסט פונם נישט-באַשאַפענעם
דאָס געשטאַלט פון טאַדעוש
דער מאַן מיטן קרייץ
הייל-רוחות
די אונטערערדיקע
יידן

פראָג. זיבעצענטער יאָרהונדערט.

לוים

א ליידיקער פלאץ אויפן בערג מיין הינטער פראג. פארטאג. אלץ ארום איז שטיל און פינסטער. ר׳ לוי ב״ר בצלאל, אדער מהר״ל, א 70-יאריקער זקן, שטייט איבער אן אפגעצייכנטן בערגל ליים און קנעט אינם ליים א גוף פון א מענטשן. דער גוף איז שוין פארטיק. לעבן אים שטייט ר׳ אברהם דער שמש, העלפט אים אין דער ארבעט. מהר״ל הויבט זיך אויף פון איבערן גוף און רעדט צום שמש:

מהר״ל

שוין פארטיק. אלץ איז פארטיק. איצטער לויף אין שול צו יצחקן און יעקבן און הייס זיי קומען.

שמש

און איך זאל שוין דארט בלייבן, רבי?

מהר״ל

פארבלייב אין שול. נאר זע, אברהם,
זאל זיין פארשלאסן אין דיין הארץ אויף אייביק
דער סוד, וואס דו ביסט זוכה אים צו וויסן —
זאלסט קיינמאל זיך ניט אויסרעדן פאר קיינעם.

שמש

אויף אייביק, רבי.

מהר״ל

אונן זיי זאג אויך דערווייל ניט אויס, אז אלץ איז גרייט.
זיי דארפן אומגעריכטערהייט אליין דערזען.
עס הויבט שוין אן צו טאגן, איל.

שמש אב

מהר"ל

בויגט זיך איבערן גוף

יאָ, אַלץ איז גרייט און איינגעהילט אין פינסטערניש.
די גרויסע שעה פון וווּנדער קומט צוזאַמען מיטן טאָג, —
און אז איך קוק אויף אָט דעם גרויסן גוף,
וואָס מיינע פינגער האָבן אויסגעקנאָטן און באַהעפט,
שוין זע איך, ווי עס שפּאַנט אַהער זיין שאָטן,
דער שאָטן פון אַ לעבעדיקן שוין. . .

הויבט דעם קאָפּ צו דער הויך

ווער בין איך דען צו זאָגן: איך באַהעפט ? —
כ'בין בלינד געווען און דו האָסט זעענדיק געמאַכט מיך,
פון הימל־הויך אַ ווי געטאָן אויף מיינע ברעמען
און מיר אַנטפּלעקט דעם שלאָפנדיקן גוף.
ער שלאָפט שוין דאָ ווער ווייסט פון וויפיל דורות. . .
און ערגעץ וואַנדערט זיין נשמה אום פאַרבענקטערהייט.
צי האָט פון דורותדיקן וואַנדער די נשמה
צום שלאָפעדיקן גוף צוריק דעם וועג פאַרגעסן,
צי אפשר שלאָפט זי אויך אין ערגעץ־ווו באַזונדער
און וואַרט אויך, ווי דער גוף, דו זאָלסט אַ צווייטן מאָל
צעעפענען מיר מיינע ברעמען און אַנטפּלעקן. . .
אָט הער איך פליגלען דרייען זיך אַרום מיין קאָפּ,
די גאַנצע נאַכט אַרום איז פול מיט פלאַטער.
אַ וואַרטנדיקער אויסגעצויגן ליגט דער גוף,
אַן אָפּגעדעקטער קוקט אַרויף דער קאָפּ צום הימל
און פון די טויטע ליפּן רייסט זיך אַ געבעט. . .

פאַרדעקט דעם פנים מיט די הענט. שטייט אַ לאַנגע צייט. טרעט אָפּ אויף צוריק דערשראָקן

ווער איז עס דורכגעפלויגן מיר פאַרביי די אויגן,
מיט עפּעס שטעכעדיקעס אָנגערירט מיין שטערן,
מיט עפּעס גרילצנדעס געשריען מיר אין אויער ? '

פון וואַנען קומט דער טעמפּער אָפּקלאַנג, וואָס איך הער?

קוקט זיך אַרום און הערט זיך צו

איך זע ניט קיינעם. שטיל. עס פליסט דער טייך,
עס לעשן זיך די שטערן איינער נאָכן צווייטן.
די מזרח־זייט האָט שוין געדאַרפט זיך דורכשיינען,
זי ווערט גאָר פינסטערער... אָ, שטאַרק מיך, בורא־עולם,
איך האָב אין מיטן פון מיין האָפערדיקער פרייד
דערזען אַ צווייטן שאָטן פון דעם גרויסן גוף...

עס דערהערט זיך מיטאַמאָל אַ ווייטער שאָרך, און עפּעס דורכויס שוואַרצעס
שפּאַנט איבערן טייך, וויגט זיך און דרייט זיך אַרום זיך אַליין

ווער טרעט עס אויף דער אויבערפלאַך פון טייך?
ווער נעגטערט זיך צו מיר און ווערט ניט נעגטער,
דערווייטערט זיך פון מיר און ווערט ניט ווייטער?

דאָס געשטאַלט וואַקסט אויס פאַרן מהר״לס אויגן

מהר״ל

ווער ביסטו, פינסטער געשטאַלט?

געשטאַלט

דערקענסט מיך ניט?

מהר״ל

איך זע ניט דיין געזיכט.

געשטאַלט

דערקענסטו ניט מיין קול?

מהר״ל

דיין קול איז ווי אַ קאַלטער ווינט,
וואָס טראָגט זיך אין אַ טיפער גרוב אַרום
און האָט ניט קיין אַרויסגאַנג, קיין אַריינגאַנג.

ג ע ש ט אַ ל ט

איך האָב אַ קול, וואָס איז נאָך ניט קיין קול,
איך האָב אַ האַרץ, וואָס איז נאָך ניט קיין האַרץ.

מ ה ר״ל

ווער ביסטו, זאָג, ווי רופט מען דיך ביים נאָמען?

ג ע ש ט אַ ל ט

ערשט שפּעטער וועט מען מיך ביים נאָמען רופן,
דערווייל בין איך נאָך אויף דער וועלט ניטאָ,
דערווייל בין איך אַ שאָטן פון אַ שאָטן —

מ ה ר״ל

פון וואַנען קומסטו?

ג ע ש ט אַ ל ט

איך בין געקומען וואַרנען דיך: באַשאַף מיך ניט,
ניט נעם מיך פון מיין רויקייט אַוועק.

מ ה ר״ל

פאַרשווינד, איך הייס.

ג ע ש ט אַ ל ט

איך זאָג דיר נאָכאַמאָל און וואָרן דיך: באַשאַף מיך ניט.
דו זעסט: עס לעשן זיך די שטערן אַלע,
אַזוי וועט אויסגעלאָשן ווערן יעדער שיין
פון יעדנס אויג, וואָס וועט אַ קוק טאָן נאָר אויף מיר;
און ווו מיין פוס וועט נאָר אַ טראָט געבן
פאַרוויסטונג בלייבן וועט אויף יענעם אָרט,
צו וואָס איך וועל נאָר צולייגן מיין האַנט
אויף שטויב און אַש צעשאָטן וועט עס ווערן. . . —
ניט בייט מיר אויס מיין פינסטערניש, מיין שטילקייט
אויף דעם גערויש פון גאַסן און פון מענטשן.

מהר״ל

אָ, העלף מיר אין דער שווערסטער רגע, גאָט.

געשטאַלט

איך ווייס, דו וועסט ניט הערן מיין געבעט.
דאַרום בין איך געקומען וואָרנען דיך —
מיין וואָרנונג זאָל אויך זיין, ווי אַ געבעט.
דו האָסט אַ גאַנצע נאַכט געקנאָטן מיך,
געפורעמט מיך מיט קאַלטקייט און רציחה —
און מיר איז גוט אַזוי געוועזן צו זיין נאָר ליים,
צו ליגן טויט און רויק אויסגעמישט
מיט אַלע זעמדעלעך און שטיינדלעך פון דער ערד
פון אייביקייט ביז אייביקייט אַזוי...

מהר״ל

פאַרשווינד צו דיין באַהעלטעניש, געשטאַלט.
עס זאָל דיין מורא פאַרן לעבן און דיין טרויער
מיט דיר אין דיין באַהעלטעניש אַוועק. —
ווען קומען וועט די שעה פון גרויסן ווונדער,
אַזוי ווי עס אַנטלויפט די נאַכט פון מזרח,
אַזוי וועט דיין פאַרצווייפלונג אויך אַנטלויפן.
עס האָט מיך גאָט געשיקט, איך זאָל דיך קנעטן,
איך זאָל דיך אָפּטיילן פון שטיינערדיקן באָדן
און מיט דעם ערשטן שיין, וואָס צינדט זיך אָן אין הימל,
אַריינבלאָזן אין דיר אַ לעבעדיקן אָטעם.

געשטאַלט

איך וויל ניט.

מהר״ל

עס איז דיין רצון גאָרנישט. אָנגעצייכנט
שוין זענען אַלע וועגן, טעג און נעכט
פאַר דיר און אַלע מעשים דיינע.

דו ווערסט באַשאַפן ניט אַזוי זיך לעבן,
נאָר גרויסע ווונדער טאָן, באַהאַלטן און פאַרבאָרגן.
געהיימניספולע וועלן זיין די מעשים דיינע.
ס'וועט קיינער פון דיין גבורה גאָרנישט וויסן,
אַ האָלץ=העקער, אַ וואַסער=טרעגער וועסטו זיין.

געשטאַלט

אַ גולם.

מהר"ל

אַ שליח פון אַ פאָלק, אַ גרויסער גבור.

געשטאַלט

אַ משרת — איבער וועמען צו געוועלטיקן.

מהר"ל

אַ לעבעדיקער מענטש.

געשטאַלט

אַ לעבעדיקער מענטש? וואָס שטייסטו און דו וואַרטסט?
ווו איז שוין די נשמה, וואָס עס דאַרף אין מיר אַריינגעבלאָזן ווערן?
וואָס עפנסטו ניט אויף די אויגן מיר,
וואָס שטעלסטו ניט אַריין קיין האַרץ אין מיר?
ווו איז די צונג, די ציין, ווו איז דאָס בלוט,
וואָס דאַרף אין מיר אַריינגעגאָסן ווערן?
ווי ווילסטו, איך זאָל זיין? אַ בלינדער, צי אַ שטומער?
אַ הינקעדיקער, אפשר גאָר אַ טויבער?
און אפשר אַלץ צוזאַמען, זאָג... עס גייט די נאַכט אַוועק,
עס קומט דער טאָג. אָ, פינסטערניש, אָ, פינסטערניש,
איין רגע נאָך אין דיינע אָפּגרונטן פאַרדעק מיך,
און לאָז מיר זיין איין רגע נאָך וואָס ביז אַהער:
אַ טויטער בערגל אויסגעטריקנט ליים.

דאָס געשטאַלט ווערט צעפלאָסן אין דער פינסטערניש

מהר"ל

אין מיין געלייטערטער געהייליקטער כונה
אַ פינסטערניש האָט זיך אַריינגעריסן.
איך האָב אַליין מיט מיינע שרעקעדיקע ווערטער
אַ פגימה אין דעם קומענדיקנס האַרץ געמאַכט.
אָ, איך האָב נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון
און האָב ניט אויסגעהיט מיין האַרץ פון טרויער,
פון צער און פון רחמנות... שווער און שווערער
איצט פאַלט אויף מיר מיין שרעקעדיקער וואָרט.
איך האָב אַליין מיט מיינע הענט זיין מזל אָפּגעווענדט
צום וועג פון פיין, צעטומלעניש, צעמישונג...
און וואָכן־לאַנג דורך גאַנצע טעג און נעכט
איך האָב מיין מח און מיין האַרץ געלייטערט,
איינגאַנצן אויסגעטאָן פון זיך און פון דער וועלט,
אין איין מחשבה, דיין מחשבה, זיך פאַרוואַנדלט.
איך האָב געזען פאַר זיך נאָר איינעם, איינעם:
אָט קומט ער און אָט עפנט ער די אויגן.
אַ שמייכל אַ באַהאַלטענער אויף זיינע ליפּן
און גבורה אייזערנע אין זיינע אָרעמס.
ער זעט — און קיינער ווייס ניט, אַז ער זעט,
ער גייט — און קיינער ווייס ניט זיינע וועגן,
זיין לעבן און זיין טויט — איין שטילער אָטעם,
איין רויקער, פאַרבאָרגענער בטחון...
ער קומט ניט צווישן קיינעם און ער רעדט ניט,
ער ליגט זיך אַ פאַרוואָרפענער אין ערגעץ
און וואַרט אויף דער מינוט צו זיין גערופן...
און איצט וואָס זאָל איך טאָן? אין לעבעדיקן וואָרט
אַריינגעכאַפּט האָט זיך דער צווייפל און דער שרעק,
די ביטערע און כעסדיקע איינזאמקייט...
איך זע, איך בין ניט ווערט אין דיינע אויגן;
און אפשר האָב איך צופיל זיך געגרויסט,
אַריינקוקן געוואָלט אַהין, וווּ קיין מענטש נאָך

האָט ניט אַריינגעקוקט ביז היינט... איך זע, איך זע —
וואָס בין איך געגן דיר? — אַ וואָרעם קליין,
אַ קליין — אַ שטיקל ערד, אַ זעמדל שטויב...

לאַנגע שטילשווייגונג

עס באַווייזט זיך דאָס געשטאַלט פונם פּוֹמר טאַדעוש. ער גייט גלייך אַנטקעגן מהר

מהר"ל

טאַדעוש. יאָ, ס'איז ער, ער גייט אַנטקעגן,
איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט אים אין געדאַנק, —
פון גאָט אַ צווייטער סימן זאָל עס זיין?

געשטאַלט

שלאָגט זיך אָפּ אָן מהר"ל. טרעט אָפּ צוריק

וואָס טוסטו דאָ אין מיטן נאכט?

מהר"ל

ניט מיטן נאכט, נאָר אָנהויב טאָג איז שוין.

געשטאַלט

וואָס טוסטו דאָ אין אָנהויב טאָג?

מהר"ל

איך טו אין אָנהויב טאָג, וואָס גאָט פאַרזאָגט מיר טאָן.

געשטאַלט

און וואָס האָט גאָט פאַרזאָגט דיר טאָן אַזוינס,
וואָס איך זאָל דאַרפן קומען זיין דערביי?

מהר"ל

דו דאַרפסט ניט זיין. קאָנסט ווייטער גיין דיין וועג.

געשטאַלט

אַז איך קאָן גיין מיין וועג, דאָס איז באַוווּסט.
טאַדעוש גיט אַן עצה זיך אַליין.

נאָר זע, פונוואַנען קומען דאָס צו דיר אַזוינע אויגן ?
רציחה שפּריצט פון זיי און שוואַרצע גבורה.
ווי קומט רציחה צו אַ רב ? איך האָב שוין אין מיין לעבן,
אין תּפיסות און אויף שייטערס פונם הייליקן געריכט,
געזען אַזויפיל פּנימער פון יידן,
אַזויפיל אויגן אַלערלייקע, און קיינמאָל נאָך
האָט ניט געמאַכט זיך מיר צו זען אַ יידנס אויגן,
וואָס זאָלן טאָן אַ קוק אויף דיר מיט אמתער
גזלנישער רציחה, בייזן האַס, ווי דיינע איצט —
זיי זעען אויס, ווי אויגן פון אַ ווילדן גולם...

מהר"ל

פאַרדעקט זיך מיט די הענט. זיינע אַקסלען צוקן

געשטאַלט

וואָס האָסטו האָסטו מיט אַמאָל פאַרדעקט דאָס פּנים ?
געבליבן שטיל ? און וואָס איז דאָס ? ווער ליגט דאָ אויף דער ערד ?
אַ מת, צי וואָס ? די גאַנצע צייט איך שטיי
און ניט באַמערקט.

בויגט זיך איין און קוקט אויפן ליימיקן גוף

וואָס זעען מיינע אויגן ?
וואָס טוט זיך דאָ ? אַ מענטש פון ליים געקנאָטן
ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד —

טרעט אָפּ און צלמט זיך

אָ, יעזוס הייליקער !

מהר"ל

ביז וואַנען ער וועט זוכה זיין צום לעבן,
אַ האַנט אַ הויב טאָן, אויפשטעלן אַ פוס,
טראָג א י ך דערווייל דעם קוק פון זיינע אויגן —

געשטאַלט

באַשיץ מיך פון ניט-גוטן און פון אַלע
ניט-געצלמטע, פאַרשאָלטענע, אָ, יעזוס...

פאַרשווינדט

מהר״ל

שווייגט אַ לאַנגע צייט. כאַפּט זיך אויף ווי פון פאַרגעסנהייט. קוקט זיך אום

אַ צווייטער צייכן זאָל עס זיין פון דיר ?
איך זע, עס מוז געשען. די האַנט פון גאָט
האָט מיך צוזאַמען מיט דעם בערגל ליים
אַריינגערינגלט אין איין רינג, צונויפגעפּאָרט. . .
און אַלץ, וואָס איך פאַרטראַכט, דערזע איך,
און אַלץ וואָס איך דערזע וועט קומען. . .
עס מוז געשען, עס מוז. . .
און איצט איז גוט און ליכטיק אויף מיין האַרצן —
ווייל איך — וואָס בין איך ?. . דיינע צייכנס זענען אמת, —
עס מוז געשען, עס מוז. . .

עס קומען פונם וועג פון שטאָט מהר״לס צוויי תלמידים, יצחק הכהן און יעקב הלוי. יעקב טראָגט אין האַנט אַ פּעקל קליידער. זיי קומען שטיל, קוינ רירנדיק די ערד מיט די פיס

מהר״ל

גייט זיי אַנטקעגן

איר זיינט אין צייט געקומען, קינדער.

יצחק

עס טאָגט שוין, רבי.

מהר״ל

האָט קיינער אייך באַמערקט ?

יעקב

מיר זיינען אָן דער זייט פון וועג געגאַנגען.

מהר״ל

איר האָט אין שול די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט ?

יצחק

די גאַנצע נאַכט. באַזונדער איינער פונם צווייטן
געשטאַנען זיינען מיר און תפלה הויך געטאָן,

ביז האַלבע נאַכט קיין ליכט ניט אָנגעצונדן.
די פינסטערניש האָט אונז אַרומגעכאַפּט,
ווי מיט אַ דיקער וואַנט צעשיידט אונז איינס פון צווייטן,
אַזוי דערוויטערט, אַז דער קול פון יעדן
האָט צו דעם צווייטנס אויער ניט געקאָנט דערגרייכן.
פון אָנפאַנג האָט די ווייטקייט מיך געשראָקן,
אַזוי ווי איך וואָלט ערגעץ אין אַ שוואַרצן וואַלד
געזוכט אַ וועג, און ניט געפונענדיק, געלאָפן
אַלץ שנעלער און אַלץ ווייטער אין זיין טיפקייט.
נאָר מיטאַמאָל האָב איך אינגאַנצן זיך באַרויקט,
און טיפער נאָך און טיפער זיך דערוויטערט...

יעקב

און נאָכדעם, רבי, הערט וואָס איז געשען:
מיר שטייען, דאַכט זיך, איינער פונם אַנדערן פון ווייטן,
און פינסטער איז, מיר רירן ניט פון אָרט זיך,
אַזוי ווי צוגעקלעפּט מיר וואָלטן זיין צום באָדן,
און יעדן דאַכט זיך, אַז ער איז נאָר איינער,
אַליין אין שול... אָט קומט אָן האַלבע נאַכט און מיר,
ווי איר האָט אונז פאַרזאָגט, מיר צינדן אָן די ליכט,
וואָס יעדער האָט פון פריער אָנגעגרייט —
ערשט — וווּנדער זעען מיר: מיר שטייען ביידע
דערנענטערט איינער לעבן צווייטן האַנט ביי האַנט,
און ביידנס ליכט זיי שיינען אונז אין פּנים...

יצחק

אַ גרויסער וווּנדער, רבי.

מהר"ל

אַ גוטער סימן, קינדער, אייער האַרץ
עס האָט געלייטערט זיך דורך תּפלות,
געוואָרן ראוי צו דער גרויסער ברכה,
וואָס אייער מויל וועט דאַרפן באַלד אַרויסזאָגן.

יצחק

מען מעג אויף אים אַ קוק טאָן, רבי ?

מהר"ל

איר מעגט. גייט צו און טוט אַ קוק.

ביידע בויגן זיך צום גוף און קוקן

יעקב

דערווייל נאָך זעט מען גאָרנישט. ליים.

יצחק

אָט נעמט דער ליים און עפנט אויף אַן אויג...

יעקב

און טוט אַ הויב אַ פוס. —

יצחק

און טוט אַ קרים דאָס פנים, טוט אַ לאַך...

שפרינגט אָפּ א דערשראָקענער

מהר"ל

וואָס איז דיר, יצחק ?

יצחק

דערשראָקן זיך. אַ קוק געטאָן אויף אים.
דערמאָנט זיך אָן אַ חלום אַ געזעענעם.

מהר"ל

אַ חלום ? ווען ?

יצחק

איך האָב געזינדיקט, רבי, זייט מיר מוחל.
אין האַלבער נאַכט, ווען אָנגעצונדן האָבן מיר די ליכט,
אַ ספר־תורה האָבן מיר פון ארון־קודש,
ווי איר האָט אונז פאַרזאָגט, אַרויסגענומען.
זי אָפּגעוויקלט, אויפגעמישט די סדרה בראשית,

און איינער האָט דעם צווייטן אויפגערופן,
און יעדער האָט געלייענט זיבן מאָל
די ערשטע פרשה; קיינער האָט די קריאה
ניט געשטערט. מיר האָבן זיך די ספר־תורה
צוריק אַריינגעשטעלט אין ארון־קודש,
און שטיל פאַר זיך גענומען זאָגן תהלים.
און ווי איך שטיי אַזוי געוועגדט צום וואַנט און זאָג,
ערשט מיינע ברעמען האָבן זיך גענומען קלעפּן.
איך שטאַרק זיך ניט איינצושלאָפן, און נעם נאָך העכער
דעם תהלים זאָגן... מיטאַמאָל, איך הער, געשרייען,
פאַרצווייפלטע געוויינען. ווערן נענטער, נענטער.
עס טוט אַ פראַל די טיר און אַלע פענסטער.
די שול ווערט פול מיט יידן טויט־דערשראָקענע,
זיי וואַרפן זיך אין אַלע ווינקלען און זיי פאַלן,
צעלייגן זיך אָן אָטעם אונטער אַלע טישן...
און ווי זיי ליגן שטום אַזוי, — עס פליט אַריין
אַ מאָדנער מענטש אַזאַ, אַ הויכער מיט אַ גרויסן קאָפּ,
מיט לאַנגע הענט און גרינע שטעכעדיקע אויגן,
ער האַלט אַ שווערד אין האַנט און פעכט אין אַלע זייטן,
אַראָפּ, אַרויף, און שניידט אויף רעכטס און לינקס.
אָט ליגן אַלע שוין צעשניטענע אויף בלוט,
פאַרדעקטע אין דער פינסטערניש און גוססן...
אָט הויבט ער אויף די האַנט אויף מיר און וויל זי שוין
אַראָפּלאָזן אויף מיין קאָפּ אויך, — ערשט מיטאַמאָל
זיינט איר אַריינגעקומען, רבי.

מהר״ל

איך?

יצחק

און ווי ער האָט נאָר אייך דערזען, אַזוי איז ער
געבליבן אָפּהענטיק, אַראָפּגעלאָזט די שווערד,
גענומען גיין צום טיר, נאָר איר האָט אים דעם וועג

פאַרשטעלט, אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון זיינע הענט
און איבער זיין געזיכט אַ זעץ געטאָן, און — וויי,
איר האָט אים ניט געטראָפן —

מהר״ל

אויסער זיך

ניט געטראָפן ?

יצחק

געטראָפן אין דער לופט.

מהר״ל

ער איז אַנטלאָפן ?

יצחק

ניין, ער איז צעשוואומען, ווי אַ שאָטן ניט געוואָרן.
דאָס ליים־געשטאַלט האָט מיר דערמאָנט אָן אים.

מהר״ל

פאר זיך

אזויפיל צייכנס ! אַזויפיל שלעכטע צייכנס.
צי וועט קיין איינציק שטראַל ניט דורכשיינען דורך זיי ?
דורך אַלע וועגן פיר מיך, דורך אַלע וועגן,
נאָר זאָל דורך אַלץ, וואָס איז פאַר מיר פאַרשטעלט,
זיך דורכרייסן דער איין און איינציק שיין פאַר מיר...

יעקב

מען האָט אין שול גערעדט פון שלעכטע צייטן,
פאַרצייטיקע און איצטיקע, פון אַלע קלאַנגען,
וואָס גייען אום אין פראג, פון איינעם אַ רוצח,
וואָס האָט געמאָרדעט יידן קליין און גרויס,
איז האָט זיך אים געחלומט, רבי, איצט פון דעם —

מהר״ל

יאָ, שלעכטע צייטן קומען אָן אויף אונז, תלמידים מיינע,
און יעדערער פון אונז ער ווערט געבראַכט

צו שווערע אומפאַרמיידלעכע נסיונות...
און מיט די שלעכטע קומען אויך די גרויסע צייטן,
מיר דאַרפן גרייטן זיך און גיין אַנטקעגן זיי...
און איצט, איר זעט, האָט גאָט געבראַכט אונז
צום אָנפאנג פון די שווערע גרויסע צייטן...
איך זע אויף אייך, איר שרעקט זיך פון דעם אַלעם,
איר שטייט געקלעמט אין אַנגסטן.

יצחק

מיר ציטערן די הענט פון שרעק. אוועקלייגן דאָס פעקל, רבי?

מהר"ל

איז אַלץ דאָ אינם פעקל?

יצחק

אַלץ, רבי.

יעקב

עס טאָגט שוין באַלד.

יצחק

און ווו וועט ער זיך אויפהאַלטן, אין שול?

מהר"ל

ניט פרעגט אויף גאָר נישט מער. האַלט איין די שרעק,
באַהאַלט זי טיף אין האַרץ, און מיט דער שרעק
פאַרבאָרגט אויך אַלץ, וואָס איר וועט זען און הערן דאָ.
און איצט קומט צו צום וואַסער אָפגיסן די הענט...

גייען צום טייך

ר ו ע ב ט

דער חדר-מיוחד פון מהר״ל. באַגינען. מהר״ל קומט אריין, דער באַשאַפענער בלייבט שטיין אויף יענער זייט טיר. ער איז הויך און די טיר צו נידעריק. אַז מען דאַרף זיך איינבויגן ווייס ער ניט

מהר״ל

בויג איין דעם קאָפּ. די טיר איז נידעריק און דו
ביסט הויך; זאָלסט וויסן אַלע מאָל — אַ הויכער,
וואָס וויל אַריינגיין אין אַ נידעריקער טיר,
דאַרף איינבויגן דעם קאָפּ. דו זעסט — אַזוי.

ווייזט ווי מען בויגט איין דעם קאָפּ

גולם

קומט אַריין אַן איינגעבויגענער און שטייט

מהר״ל

הויב אויף דעם קאָפּ און גלייך זיך אויס.

גולם

גלייכט זיך אויס. שטייט שטום. ער איז שטאַרק און ריזיק. גרויסע אויגן. עטוהאָס טעמפּס אין זיי און שווערס און אין דער זעלבער צייט קינדישס. גראָבלעכע ליפּן מיט טיפע ווינקלען פאַרענדיקטע. אַ פאַרגליווערטער שמייכל אויף זיי. דער שמייכל — פון גאָרנישט. און אָט, דאַכט זיך, נעמט דער שמייכל און צעקרימט זיך און ברעכט אויס אין אַ געוויין. געגרייזלטע שוואַרצע האָר אויף זיין קאָפּ. אַזוי אויך די וואָנצעס און די באָרד. די אויגן זיינע עפענען זיך אַלץ מער און מער פאַנאַנדער, קוקן צעגלאָצטע אויף אַלץ אַרום

מהר״ל

די אויגן דיינע זיינען אָפן. דו האָסט געזען
דעם הימל שוין, די זון, וואָס גייט אין מזרח אויף,

באַגעגנט יידן שוין אין גאַס, און דיינע פיס
זיי האָבן שוין געטראָטן איבער גאַסן, הויפן.
איך האָב גערעדט צו דיר און רעד אויך איצט צו דיר.

גולם

שווייגט

מהר"ל

דו האָסט אַ מויל און ציין, אַ צינג צום רעדן, —
וואָס שווייגסטו?

גולם

שטומט

מהר"ל

רעד, איך הייס דיר רעדן. יאָסל איז דיין נאָמען.

גולם

ציטערט אויף

יאָסל?

מהר"ל

דו ביסט אַ מענטש.

גולם

אַ מענטש.

מהר"ל

דו האָסט אַ האַרץ צום לעבן.

גולם

צום לעבן.

מהר"ל

שטיי ניט אָפּהענטיק אַזוי.
דיין נאָמען דאָך געדענקסטו —

גולם

שווייגט

מהר״ל

האָסט פאַרגעסן? יאָסל איז דיין נאָמען. זאָלסט געדענקען.

גולם

יאָסל.

מהר״ל

און מיך ווי רופט מען, ווייסטו?

גולם

רבי.

נעמט שפּאַנען איבערן שטוב, קריכט איבער די בענק, טיש, וואַרפט זיך אום שפּאַרט זיך צו דער וואַנט. שטויסט זי. די שויבן ציטערן

מהר״ל

וואָס טוסטו? שטיי. וועסט אויפוועקן פון שלאָף
דאָס גאַנצע הויז.

גולם

איך וויל אַרויס פון דאַנען.

שלאָגט אין וואַנט

מהר״ל

איך זאָג דיר — שטיי. אַרום אַ באַנק, אַ טיש,
מען גייט פאַרביי און ניט מען קערט זיי איבער,
און דורכגיין דורך אַ וואַנט אויך קאָן ניט קיינער.
איך זאָג דיר, שטיי, ניט שלאָג אין וואַנט.

גולם

איך וויל אַרויס פון דאַנען.

מהר"ל

איך האָב דאָך אויפן וועג שוין דיר פאַרזאָגט,
זאָלסט פאָלגן אַלץ, וואָס איך וועל דיר באַפעלן.

גולם

זעצט זיך אראָפּ אויפן דיל, הילפלאָז

איך פאָלג דיר, רבי.

מהר"ל

אַלעמאָל זאָלסטו
צו מיינע רייד זיך צוהערן און ניט פאַרגעסן.
געדענקסט דיין נאָמען?

גולם

יאָסל רופט מען מיך, איך ווייס.

מהר"ל

שטייט אויף פון דיל און זעצט זיך אויפן באַנק.
ער נעמט אים פאַר אַ האַנט, העלפט אים אויפשטעלן זיך, זעצט אים אוועק אויפן באַנק

ביסט מיד, איך זע, דו קומסט פון ערגעץ ווייט.
ניט האָב קיין מורא. ביסט אַ גוטער אורח דאָ.

גולם

אַ גוטער אורח דאָ.

קוקט זיך אַרום און שמייכלט

מהר"ל

וואָס שמייכלסטו?

גולם

איך ווייס ניט, רבי. אויף די שויבן ברענט עפּעס.
איך ווייס ניט, רבי.

מהר״ל

די זון גייט אויף אַנטקעגן.

גולם

דיין באָרד איז לאַנג און ווייס. און מיינע — שוואַרץ.

מהר״ל

אַהינטערן שטאָט האָב איך דערזען דיך ליגנדיק.
דו ביסט געשלאָפן שטאַרק.

גולם

איך ווייס ניט, רבי,
אַ פייער קומט פון ערגעץ צו די שויבן,
ער ווערט אַלץ רויטער, גרעסער. אויף די ווענט
זיי ווערן אָנגעצונדן, זע, און אויף דיין פנים. . .
שפרינגט אויף און לאָזט זיך ווידער שפּאַנען

מהר״ל

וואוהין ?

גולם

אַהין. צום פייער. כ׳האָב מורא דאָ צו זיין.

מהר״ל

דו טאָרסט ניט גיין.

גולם

איך וויל אַהין, איך וויל.
דו ביסט אַנטקעגן מיר אַ קלייניקער אַזאַ,
אַן אַלטינקער, אַ קליינער קאָפּ אַזאַ ביי דיר,
דו רעדסט צו מיר און טרייסלסט זיך.
עס ציטערן די הענט ביי דיר.

מהר״ל

האָסט ווידער שוין פאַרגעסן ווער איך בין !

גולם

איך ווייס נישט.

מהר"ל

ווערסט מיין משרת זיין.
אויף דעם ביסטו אין הויז צו מיר געקומען,
ווערסט זיין איינגאַנצן אונטער מיין רשות.

גולם

וואָס דאַרף איך טאָן?

מהר"ל

דערווייל נאָך גאָרנישט.
ווערסט ווינען דאָ, צי אפשר ערגעץ אַנדערש.
דו ווילסט אין מיין הויז וווינען?

גולם

ניין.

מהר"ל

דו קאָנסט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין. ביסט אַ פרעמדער.
ביי מיר אין הויז וועט זיין דיר גוט און היימיש.

גולם

עס הויבט זיך עפּעס אינווייניק אין מיר און ווערגט,
און קלאַפּט, אַ קלינגערייי אין ביידע אויערן,
און פאַר די אויגן — רויט און גרין...
און מיינע פיס זיי הויבן זיך, זיי ווילן גיין,
און מיינע הענט אָט גיבן זיי אַ כאַפּ דיך פאַרן האַלז
און טראָגן זיך אַוועק מיט דיר... וואָס איז דאָ, זאָג,
איך וויל אַנטלויפן און איך קאָן ניט.

שרייט

זאָג, וואָס איז דאָ?

איך וויל אַ זעץ טאָן מיט אַ האַנט דיר איבערן קאָפּ —
און קאָן זיך ניט אַ ריר טאָן... זע, איך פאַל באַלד אום,
עס דרייען זיך די ווענט אַרום,
דער פייער דורך די שויבן ווערט אַלץ גרעסער,
עס קומען זיך די ווענט צוזאַמען מיט דער טיר
און ווילן זיך אויף מיר אַ וואָרף טאָן. לאָז מיך גיין...
איך וויל צעשליידערן, צעוואַרפן... כ'וועל מיין קאָפּ
אַראָפּדרייען פון זיך אַליין און אויך די הענט און פיס.
פאַרלעש דאָס פייער אַרום מיר,
נעם צו די ווענט.

ער שטויסט זיך מיט ווילדקייט אין וואַנט אַריין, קלאַפּט מיט די פויסטן. די ווענט טרייסלען זיך

מהר״ל

איך הייס דיר ווערן רויק.
עס הויבן אָן צו קומען אין דיין גוף די גרויסע כחות,
זיי רייניקן פאַר זיך אַ וועג אין דיין נשמה.
די שוואַרצע פינסטערניש, דער גלגול פון דיין לעבן,
ניט אָפּגעלאָזט האָט נאָך דיין קאָפּ און האַרץ
און רעדט אַרויס פון דיר מיט אומריינקייט און פלוך...

ער לייגט אַרויף די הענט אויפן גולם קאָפּ, גלעט אים און נעמט אים איין

עס צוקן דיינע אַקסלען. זעץ זיך. אָטעם אָפּ.
איך האָב פאָרויסגעזען דעם אויסברוך פון דיין האַס.
ביז וואַנען עס וועט קומען יענע שעה פון קלאָרער פרייד,
פון אויסגעלייטערטן געוויין, פון שטראַלנדיקער רו —
זאָל אויפהערן דערווייל דיין בלינדער שרעק,
זאָל פאַלן אויף דיין האַרץ דערווייל מיין ערשטע ברכה,
מיין ערשטע טרייסט אויף דיין צעטומלטן געדאַנק.
דו ווייסט ניט ווער דו ביסט, און וווּנדערסט זיך מיט שרעק
אויף זיך אַליין, אויף דיינע הענט און פיס;
עס האָט מיט דיר געטראָפן עפּעס וואָס אַזוינס,
וואָס האָט אין דיין זכרון אָפּגעמעקט דיין גאַנצן לעבן

ביז היינט צו טאָג... דו הויבסט אָן פון דאָס ניי...
אַ גאַסט ביסטו ביי מיר, אַ גוטער גאַסט,
און דאָס אַליין איז שוין גענוג דו זאָלסט דערזען
דעם ערשטן אָפּשיין פון דיין ערשטער האָפנונג. —
פאַרוואַרף ניט אַזוי שווער דעם קאָפּ.

מען גייט אַהער.

האָסט אויפגעוועקט דאָס גאַנצע הויז. זאָלסט גאָרנישט רעדן.
דו ביסט אַ גאַסט געקומען פון דער ווייטער פרעמד —
און דאָס וועט זיין דיין ענטפער.

גולם

איך בין אַ גאַסט געקומען פון דער ווייטער פרעמד,
פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז מיט מיר געוועזן...

רביצין און דבורהל קומען אריין דערשראָקענע אויפגעוועקטע פון שלאָף

רביצין

וואָס טוט זיך דאָ? ווער האָט אַזוי די שטוב געטרייסלט?

דבורהל

אַזוינע שרעקלעכע געשרייען, זיידע.

מהר״ל

עס האָט זיך אייך געחלומט.

רביצין

גאָר געחלומט —
עס האָט מיך פונם בעט אַרויסגעשליידערט.
אַזוינע גוואַלטן... זע, ווער זיצט עס דאָ?
ווער איז ער, אריה לוי?

דבורהל

אוי, אַ מענטש אַ מאָדנער.

מהר"ל

וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן ביידע ?
אַן אורח פון דער פרעמד. פון טבילה גייענדיק
דערזען האָב איך אים ליגנדיק אין גאַס
אַן אויסגעמאַטערטן פון וועג. ווער איז ער ? וואָס ? —
איך קאָן ביי אים ביז איצט נאָך ניט דערגיין.
ער רעדט אַזוי ניט קלאָר און ניט פאַרשטענדלעך,
אַז בעסער שוין מען זאָל אים גאָר נישט פרעגן. —
אַן אָרעמאַן ווייזט אויס.

דבורהל

ער זעט אויס אומגליקלעך אַזוי—

רביצין

און קוקט ניט אויס גאָר ווי אַ ייד. אַזוינע הענט,
אַזוינע אַקסלען האָט עס דיר אַ מענטש. —
עס שרעקט מיך עפּעס, אריה לוי. —

מהר"ל

שרעק זיך ניט.
דאָס זעט ער אויס אַזוי פון וועג.

דבורהל

אוי, באָבע, קוק.
אַזוינע אויגן שטעלט ער אויס אויף מיר ! —
וואָס וויל ער, זיידע ? פרעג אים.

מהר"ל

גייט אין שטוב.
ער איז אַ שווייגנדיקער מענש. ער ענטפערט ניט.

דבורהל

אָט הויבט ער ווידער אויף דעם קאָפּ און קוקט.
אַזוינע גלאַנציקע און טרויעריקע אויגן.

רביצין

ניט קוק אויף אים, קום גיין פון דאַנען, טאָכטער ;
אַן אָרעמאַן — מען דאַרף אויף אים רחמנות האָבן. נאָר
דער מענטש געפעלט מיר ניט. ווי רופט מען אייך, ר׳ אורה ?

גולם

יאָסל.

שמייכלט. שטעלט זיך אויף און קוקט אָנגעשטרענגט מיט באַוואונדערונג אויף דבורהלען

רבי, ווער איז זי ?
וואָס האָט זי מורא, רבי ? וואָס אַנטלויפט זי ?

דבורהל

באַהאַלט מיך, באָבע ; קום אַרויס פון דאַנען,
ער קוקט אויף מיר. איך שרעק מיך.

רביצין

זעסט —
דאָס קינד דערשראָקן. אַ משוגענער צי וואָס ?
אַזוינע אויגן שטעלט עס אויס אַ מענטש !

מהר״ל

וואָס קוקסטו, יאָסל ?

גולם

ווער איז זי, רבי ? וואָס אַנטלויפט זי ?

מהר״ל

זי איז מיין טאָכטער, הערסט ? זאָלסט וויסן.
זאָלסט גאָרנישט רעדן וועגן איר.

גולם

עס הענגען
אַריבער אירע אַקסלען אירע לאַנגע האָר. —

דבורהל

וואָס רעדט ער, באָבע ? קום, כ'האָב מורא.

רביצין

אַ חרפּה גאָר אַזוינס צו הערן.

מהר"ל

ער ווייס אַליין ניט וואָס ער רעדט. ער איז צעטומלט, גערירט, ווייזט אויס, אַ ביסל פונם זינען. . .

גולם

פלוצלינג

עסן.

מהר"ל

עסן ? יאָ, גיי ברענג אים וואָס.

רביצין

נאָך פאַרן דאַווענען ?

מהר"ל

זעסט ניט, ווער ער איז ?

רביצין

דו, טאָכטער, קאָנסט נאָך שלאָפן גיין אַ ביסל,
איך וועל אַליין שוין ברענגען אים צו עסן.

רביצין און דבורהל אָפּ

גולם

וווהין איז די אַוועק ?

מהר"ל

דיר עסן ברענגען.

גולם

דערנאָך וועט זי פון מיר שוין ניט אַוועקגיין?

מהר"ל

איך האָב דיר שוין געזאָגט: זי איז מיין טאָכטער,
זאָלסט גאָרנישט רעדן און ניט טראַכטן וועגן איר

מיט שאַרפקייט

איך זע, ביסט גאָר אַן אַנדערער געוואָרן,
אין איין מינוט אַן אויפגעציטערטער אַ שפרונג געטאָן.

גולם

עס איז מיר גוט געווען, ווען יעדעס מאָל
זי האָט געקוקט אויף מיר.

מהר"ל

זיי שטיל!

גולם

און פאַר אַ האַנט אויך טאָר איך זי ניט נעמען?

מהר"ל

אפילו קוקן טאָרסטו ניט אויף איר... זיי וויסן —
פאַר דיר איז אָנגעצייכנט גאָר אַן אַנדער לעבן,
אַן אַנדער לופט צו אָטעמען, אַן אַנדער שפּראַך.
דו וועסט עס מיט דער צייט דערזען, דערפילן. —
דערוויילּ זיי שטום, פאַרשלאָסן אין דיין שטומקייט.
דו הערסט — זיי שטום.

גולם

צו קיינעם גאָרנישט רעדן?

מהר"ל

נאָר ענטפערן אויף וואָס מען פרעגט דיך, און ניט מער.
מיט מענטשן זאָלסטו זיין פון ווייטן. קומסט אַריין

אין שול, צי ערגעץ אַנדערש — אין אַ ווינקל
אַן אָפּגעזונדערטער פאַרנעם אַן אָרט. וועט צוגיין ווער
און עפּעס פרעגן דיך, אָן בייזקייט ענטפער.
דיין אָפּגעזונדערטקייט איז ניט קיין שטראָף, קיין אומגליק, —
עס איז דער וועג, וואָס וועט צו וווּנדער און צו פרייד
דיך פירן. —

גולם

זעצט זיך, פאַרוואַרפט מיטן קאָפּ

פינסטער ווערט מיט אַמאָל.
איך זע שוין גאָרניט, רבי. — האַלט מיך צו,
איך פאַל.

מהר״ל

דו פאַלסט ניט. הונגעריק ביסטו.

רביצין קומט אַריין און דבורהל נאָך איר. רביצין ברענגט מילך און ברויט און אַ קרוג מיט וואַסער. דער גולם זיצט אַראָפּגעזונקען איבערן טיש

רביצין

וואַשט זיך, ר׳ אורח.

גולם

זיצט אומבאַוועגלעך

רביצין

וואָס איז אים, אריה לוי? זע, ער הויבט ניט אויף
דעם קאָפּ —

דבורהל

ער שלאָפט, צי וואָס?

רביצין

ר׳ אורח, וואַשט זיך עסן. אָט איז וואַסער.
וואָס שווייגט ער, אריה לוי? פרעג אים דו.

גולם

הויבט אויף די אויגן און שווייגט

רביצין

איר ווילט דאָך עסן. וואַשט זיך.

מהר"ל

שטעל אַוועק.

ער וועט שוין עסן. — וואַש זיך, יאָסל.

דער גולם גיסט דאָס וואַסער אויף די הענט, ווישט זיי אָפּ אומגעלומפּערט אָן האַנטוך, וואָס די רביצין האַלט צו. רעדט גאָרנישט. נעמט עסן מיט אַפּעטיט.

רביצין

קיין ברכה, קיין המוציא. — זע, ווי הונגעריק
ער שלינגט דאָס ברויט. אַ צער צו קוקן.

מהר"ל

איך זאָל אים אפשר הייסן דאָ פאַרבלייבן?

רביצין

מיט אונז?

מהר"ל

איך דאַרף דאָך אַ משרת סיי ווי סיי.
און פאַר דער שול אַ האָלץ-העקער, אַ וואַסער-טרעגער.

רביצין

דאָס קינד האָט זיך אַזוי פאַר אים דערשראָקן. —
און גאָט ווייס, חס ושלום, ווער ער איז אַזוינס?

מהר"ל

אַ מענטש, מען זעט, אַן ערלעכער, אַן עלנדער.

רביצין

דו מיינסט אַזוי, מסתמא ווייסטו בעסער —
נאָר איך —

מהר"ל

האָסט מורא?

רביצין

יאָ, זאָל גאָט מיך נאָר ניט שטראָפֿן.

מהר"ל

ניטאָ פֿאַר וואָס מורא צו האָבן. גאָט האָט אין דער רעכטער צייט געשיקט אים מיר אין וועג אַנטקעגן.

רביצין

וואָס מיינסטו, אריה לוי?

מהר"ל

איך דאַרף שוין לאַנג
אַ משרת האָבן, אַ געזונטן מענטש ווי ער...

רביצין

מסתּמא ווייסטו, אריה לוי. — איך וועל גיין.

צום גולם

אייך ברענגען אפשר עפּעס נאָך צום עסן?

גולם

שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין

רביצין

צו דבורהלען

וואָס גייסטו נאָך נאָך מיר? גיי לייג זיך שלאָפֿן.

דבורהל

כ'האָב מורא, באָבע.

רביצין

אַ קינד ביסטו, צי וואָס.

מהר"ל

לייגט ארויף א האנט אויף דבורהלעס קאפ

ניט האָב קיין מורא, טאָכטער.

דבורהל

ער בלייבט אויף שטענדיק דאָ?

מהר"ל

איך ווייס נאָך ניט.

דבורהל

ער נעמט נאָך אַלץ די אויגן ניט אַראָפּ פון מיר.

זי גייט ארויס צוזאמען מיט דער רביצין

מהר"ל

נו, ביסט שוין זאַט?

גולם

מיר קלעפּן זיך די אויגן, רבי.

מהר"ל

זיי קלעפּן זיך? ס'איז גוט. דו וועסט זיך דורכשלאָפן,
און אַנדער וועלט וועסטו דערזען דערנאָך.

גולם

שאָקלט זיך אין דרימל. טוט זיך א כאפ פלוצלינג

איך וויל אַוועקגיין. עפּעס ציט מיך גיין.

מהר"ל

שוין ווידער. טאָרסט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין.

גולם

און וווּ איז דבורהל?

מהר״ל

איך האָב דאָך דיר פאַרזאָגט עפּעס.

גולם

זי האָט געקוקט אויף מיר.
פאַרוואָס איז זי אַוועק פון דאַנען, רבי ?
פאַרוואָס ביסטו אויף מיר אין כּעס, בייז ?

מהר״ל

איך בין ניט בייז אויף דיר. דיר דאַכט זיך נאָר.
און דבורהלען, זאָג איך דיר, דערמאָן ניט מער.

גולם

שווייגט

מהר״ל

דו הערסט, וואָס איך פאַרזאָג דיר ?

גולם

כ׳הער, רבי.
איך וועל דיר פאָלגן... זע, די אויגן מיינע
פאַרקלעפּן ווידער זיך.

שלאָפט איין זיצנדיק

מהר״ל

ער שלאָפט.

ער זעצט זיך אַנטקעגן און קוקט ווי ער שלאָפט, שטעלט זיך אויף, שטייט איבער
אים, לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פון זיין שלאָפנדיק געזיכט

אַזוי פיל שטומער צער אויף זיין געזיכט...

גיט אַ ציטער

האָט דאָס איז מיין געטרוימטער מענטש ?

מיין גבור ? מיין שליח ?.. ער ? — אַזוינע הענט,
אַזוינע אַקסלען, פיס... אַזוי פיל גוף !
אַזוי פיל שטומער צער ?..

שטעלט זיך מיטן פנים צום וואַנט און טרויערט. רביצין קומט אַריין שטיל, קוקט פאַרוואונדערט

רביצין

פאַרוואָס איז אַזוי שטיל דאָ ? אַריה לוי !

מהר״ל קערט זיך ניט אָפּ פון דער וואַנט

וואָס טוט זיך דאָ ? כ׳האָב מורא. אַריה לוי !

מהר״ל קערט זיך אָפּ און מאַכט מיטן האַנט זי זאָל ניט רעדן, זי זאָל אַרויסגיין

רביצין

ביסט בלייך אַזוי —

מהר״ל

ניט רעד. ער שלאָפט.

רביצין

גאָר זיצנדיק ?

מהר״ל

עס מאַכט ניט אויס... ער דאַרף זיך דורכשלאָפן. ער מוז.

רביצין

אַ קישן אפשר ברענגען אים ?

מהר״ל

מען דאַרף ניט.
איך קום זויך באַלד אַרויס.

רביצין אויף די שפּיץ-פינגער אָפּ

מהר״ל

שטייט איבערן גולם, הערט ווי שטאַרק און טיף ער אָטעמט

דורך פינסטערניש

אין חדר פון מהר״ל. פארנאכט. מהר״ל זיצט איבער א צעעפנטן ספר און דרעמלט. דבורהל שטייט לעבן אים אַ דערשראָקענע און וועקט אים

דבורהל

זיידע, זיידע, כאַפּ זיך אויף.

מהר״ל

כאפט זיך אויף

וואָס איז? האַ?

דבורהל

דו שרייסט פון שלאָף. אַזוינע קולות, זיידע.

מהר״ל

מיט קולות, זאָגסטו? אַ דרעמל נאָר געטאָן. איין דרעמל...
פון חלום, טאָכטער.

דבורהל

פייער, בלוט, האָסטו געשריען —
פון פינפער טורעם עפעס —

מהר״ל

יאָ, אַ חלום, טאָכטער.
געזען אַ שלעכטן חלום... גיי, מיין טאָכטער,
ס׳איז גאָרנישט, נאָר אַ חלום...

דבורהל אָפּ

מהר״ל

זיצט צוגעדעקט דעם פנים מיט בײדע הענט, אָנגעשפּאַרט איבערן טיש מיטן קאָפּ

גולם

קומט אַרײַן מיט שטילע טריט און שטײט לעבן טיר. ער האַלט אין האַנט אַ האַק. שטײט און קוקט אָנגעשטרענגט אויפן מהר״ל. וואָס מער ער קוקט אַלץ מער גולמדיק ווערט דער אויסדרוק פון זײַן פּנים. אַט צעשמײכלט ער זיך, מיט אַמאָל אַרויסשטעלנדיק אַ רײ ווײַסע צײן, און אַט ווערט זײַן פּנים צוזאַמענגעצויגן, שטײף און פאַרגליווערט. גײט צו שטיל צום טיש, וווּ מהר״ל זיצט אַ פאַרזונקענער אין שווערע מחשבות. ער זעצט זיך אַרונטער אויפן באַנק פון צווײטן זײַט פון טיש אַקוראַט אַנטקעגן מהר״ל, פאַרוואַרפט אויף דעם קאָפּ און נעמט אָן דעם זעלבן אויסדרוק און פּאָזע ווי מהר״ל. זײ זיצן בײדע אַזוי אײנע קעגן די אַנדערע אַ פּאָר רגעס. מהר״ל טוט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ און דערזעט אים. דערשרעקט זיך

מהר״ל

אוי ווײ!.. ס'איז דו! ווי קומסטו אַהער?
און ווער האָט דיך אַוועקגעזעצט בײם טיש?

גולם

איך ווײס ניט, רבי. איך זע, דו שלאָפסט, דו זיצסט. —

מהר״ל

דו דאַרפסט ניט נאָכטאָן אַלץ וואָס איך.
און וואָס ביסטו אַרײַנגעקומען איצט?

גולם

האָסט מיך גערופן.

מהר״ל

ווען?

גולם

די גאַנצע צײַט,
איך הער, דו רופסט מיך: יאָסל! יאָסל!

מהר"ל

קוקט אים אָן שטרענג

איך האָב דיך ניט גערופן; הערסטו, ניין?
קאָנסט גיין צוריק צו דיין מלאכה, —
האָסט שוין צעשפּאָלטן דען דאָס גאַנצע האָלץ?

גולם

זיי לאָזן מיר ניט שפּאַלטן.

מהר"ל

ווער?

גולם

זיי רייצן זיך מיט מיר.

מהר"ל

איך פרעג דאָך — ווער?

גולם

די יינגלעך. גרויסע יידן אויך.
זיי שטעלן זיך אַרום און קוקן, קוקן,
און אַלע פרעגן ווי מען רופט מיך, אַלע.
פון וואַנען קום איך. —

מהר"ל

ענטפער ניט און שוין.

גולם

איך ענטפער ניט, איך שווייג.
דו האָסט דאָך מיר געהייסן שווייגן.

מהר"ל

זיי וועלן דיר ניט טאָן קיין שלעכטס.

גולם

איך האָב זיי פיינט.

מהר״ל

דאַרפסט לעבן גוט מיט אַלעמען.

גולם

איך קוק אויף קיינעם ניט און רעד צו קיינעם ניט.
דו זעסט, אַט קוקן זיי אַריין אין פענסטער.

מהר״ל

גייט צו צום פענסטער. קוקט אַרויס

ניט האָב קיין מורא. גיי צוריק צו דיין מלאכה.
איך וועל אַליין אַרויסגיין און פאַרזאָגן אַלעמען.

גולם

זיי האָבן אויך קיין מורא ניט פאַר דיר.
איך זאָג: דער רבי וועט באַלד אָנשרייען אויף אייך,
און ווי איך זאָג דאָס — לאַכן זיי נאָך מערער.

מהר״ל

גו, גיי צוריק. איך וועל אַרויסגיין באַלד.

גולם

איך וואָלט שוין לאַנג געגעבן וועמען מיט דער האַק —

מהר״ל

וואָס רעדסטו? דו?

גולם

נעם זיי צו פון מיר,
צעטרייב זיי אַלעמען. וואָס רעדן זיי? וואָס קוקן זיי?
אַזוינע רייד, אַזוינע אויגן. אַלע. אַלע.

די האַק לויפט לייכט אַזוי אין מיינע הענט אַליין
אַרויף, אַראָפּ, אַרויף, אַראָפּ, און איך בין אַזוי הויך,
דער העכסטער. לויפט די האַק אויך העכער, העכער...
אָט זאָגסטו, אַז מען טאָר קיין האַק ניט הויבן —
זי רייסט זיך דאָך אַליין פון מיינע הענט...

מהר״ל

אַליין? איצט זע איך שוין. מער וועט זי זיך ניט רייסן.
איך האָב געגעבן לייכטקייט דיינע הענט,
אַן אַרבעט — צו פאַרגרינגערן דיין איינזאַמקייט.
„זאָל פליען ווי אַ פעדער אין דיין האַנט די האַק״ —
אַזוי האָב איך געגעבן דיר מיין ברכה.
נאָר איצט, איך זע, מוז אַנדערש זיין.
מיט מי, מיט שווערער אָנשטרענגונג, מיט שוויס
זאָל יעדער הויב פון האַק דיר אָנקומען.
און יעדעס מאָל, ווען אויפן האָלץ וועט זיך דער שאַרף
אַראָפּלאָזן, זאָל אויך דער אָטעם דיינער
אַרונטערזינקען, ווי אַ שווערע משא...
ס'איז ניט קיין שטראָף, נאָר דיר אַ טובה,
די לייכטקייט פון דיין האַנט זאָל דיך ניט רייצן מער...

גולם

איך האָב זיי פיינט, אַלעמען. דיך אויך.

מהר״ל

מיך אויך?

גולם

כ'האָב מורא פאַר דיין קוק, פאַר יעדן וואָרט.
און שטענדיק דאַכט זיך מיר, איך הער דיין קול:
— „ווו ביסטו, קום אַהער״. איך טו אַ זעץ
די האַק אין האָלץ אַריין און ענטפער: „דאָ בין איך״. —
און אַלע נעמען לאַכן, איבערקרימען: דאָ בין איך...

מהר״ל

גיי אַרבעטן, און קוק זיך ניט אַרום אויף קיינעם.

גולם

איך קוק דאָך ניט. איך האַלט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.
די מענטשן נאָר זיי צווינגען מיך צו אויפהויבן
דעם קאָפּ און אין די אויגן זיי אַריינקוקן.

מהר״ל

איך האָב דאָך אַ קמיע אָנגעטאָן דיר אויפן האַלז,
אַזאַ, וואָס זאָל דעם קוק פון דיינע אויגן
דערנענטערן צו אַלעמענס געזיכטער. —

גולם

ס'איז נאָר געווען איין רגע גוט. צום ערשטן מאָל
ווען איך האָב, שפּאַלטנדיק דאָס האָלץ, אַ הויב געטאָן זיך
און אַרום זיך דערזען אַזויפיל פּנימער און אויגן,
זיי האָבן אַלע, דאַכט זיך, גוט צו מיר געשמייכלט,
קיין וואָרט גערעדט, און נאָר אַזוי געקוקט, געקוקט. . .
און פּלוצלינג, האָבן אַלע מיט אַמאָל גענומען רעדן,
אַרומלויפן הין און הער און וואַרפן מיט די הענט;
זיי האָבן עפּעס מאָדנע רייד גענומען שרייען
און הילכיק לאַכן, צולויפן און אָפּשפּרינגען צוריק —
און דאַן האָב איך געהערט אויך דיין געלעכטער. —

מהר״ל

מיינעם?

גולם

אַזוי ווי דו וואָלסט זיך באַהאַלטן הינטער זיי
און זיי גערייצט אויף מיר, זיי זאָלן שרייען: גולם. . .
איך האָב געלאָזט אין מיטן אַרבעט און אַנטלאָפן.
אַהער געקומען.

מהר״ל

און איצט באַרויקסטו זיך?

גולם

דאָ איז גוט מיט דיר.
ווען דו וואָלסט שטענדיק זיין מיט מיר, ניט לאָזן מיך אַליין,
איך וואָלט ניט מורא האָבן דאַן פאַר קיינעמס אויגן,
איך וואָלט זיך ניט געשראָקן, ווען איך הער מיין נאָמען...
ניט שיק מיך מער אַוועק פון דיר.

מהר״ל

איך שיק דיך דען אַוועק? דו זעסט דאָך מיך
אַזויפיל מאָל אין טאָג. און ווען דו דאַרפסט מיך,
צו יעדער צייט קאָנסט קומען און מיך טרעפן.

גולם

איך וויל אויך שטענדיק זיין מיט דיר, אויף שטענדיק.
ווען אַלע שטייען, קוקן ווי איך שפּאַלט —
פאַרוואָס ביסטו ניטאָ צווישן זיי, דו קאָנסט דאָך אויך,
אַזוי ווי אַלע, שטיין די גאַנצע צייט און קוקן.

מהר״ל

שמייכלט צו זיך

די גאַנצע צייט? פאַרנעמט ער דען אַליין די רייד
פון זיינע ליפּן? טענהט ווי אַ קינד אָן שכל, בלינד —
נאָר עפּעס קוקט אַרויס אַ שרעק אַזאַ פון זיינע טענות,
אַ שרעק שוין ניט קיין קינדישער...

צום גולם

און שלאָפן ווייסטו ווו דו וועסט? אין פינפער טורעם.
אַ פולע יידן שלאָפן דאָרט. דער שמש וועט
דיך ברענגען שוין אַהין, דיר מאַכן אַ געלעגער. —
וועסט דאָך ניט וועלן איך זאָל גיין מיט דיר אַהינצו שלאָפן?

גולם

פאַרוואָס ? איז וויייניק פּלאַץ דען דאָרט פאַר ביידן ?

מהר״ל

שמייכלט. זיין פּנים ווערט טרויעריק. שטעלט זיך ביים וואַנט און פאַרטראַכט זיך
דער גולם קוקט, קוקט און שטעלט זיך אויך צום וואַנט צו

מהר״ל

קערט זיך אוועק פון וואַנט

מיט דיר זיין שטענדיק קאָן איך ניט. זיי וויסן,
דו ביסט אַהער געקומען זיין אַליין.
איז זאָג איך דיר : גיי, טו דיין אַרבעט, וואָס דו טוסט.
טוסט אָפּ — גיי שלאָף, אַוווּ מען הייסט דיר שלאָפן...
דאַרפסט זיין אַליין מיט זיך און ניט מיט מיר.
עס איז דיר פינסטער, שווער. די פינסטערניש איז דיינע
און זי וועט נאָכגיין דיר אויף טריט און שריט,
ביז וואַנען זי וועט אויפשיינען אין ליכטיקייט.
איך האָב פאַר אַ משרת דיך גענומען ניט אויף דעם,
איך זאָל דיר נאָכגיין היטן ; ווי דו עסט און שלאָפסט...
איך וועל דיך רופן, ווען איך וועל דיך דאַרפן, — גיי.
גולם אָפּ מיט דער האַק אין האַנט

מהר״ל

אַליין

אַלץ אָנגעשטרענגטער ווערט אין מיר מיין אומגעדולד,
פון אַלע בייזע קלאַנגען און ניט רויקע חלומות. —
ווער זאָל מיר פּותר זיין מיין חלום ?
דו ווייזט מיר צייכנס איינעם נאָכן צווייטן :
סכנות גרויסע לויערן אויף אונז.
זיי קומען אָן, זיי שטייען שוין אַהינטער אונז.
דו עפנסט מיר די אויגן און איך זע זיי :
בלבולים, בלוט און פייער און — פאַרניכטונג.
איך וויים, צוזאַמען מיטן אומגליק קומט די רעטונג; אויף דער שוועל

ווערט אויך די טרייסט געבראַכט, און אין דעם שוואַרצן פּלאַם
באַהאַלטן ליגט די ליכטיקייט פאַר אונז, —
מיין האַרץ איז אָבער פול מיט אומגעדולד און אומרו,
מיט אומגעדולד צו זיך אַליין — מיין גרעסטער חטא פאַר דיר.
דו האָסט געשיקט מיר אים, דעם אומבאַהאַלפענעם משרת.
אַן אומבאַהאָלפענער אַליין — ער זאָל אונז העלפן;
אַליין אַ פינסטערער — ער זאָל אונז ברענגען ליכטיקייט;
מיר אַלע הענגען אויף אַ האָר ביים ראַנד פון אָפּגרונד,
און ער, דער אויסלייזער, דער ערשטער ווייגט אַרויס נאָך הילף...
אָט האָב אים אַרויסגעשיקט מיט בייזקייט,
איז ער עפּעס שולדיק?

קוקט אַרויס פון פענסטער

איך האָב אַליין, ווייזט אויס, נאָך מורא פאַר זיין קוק...
פאַרשפּרייט האָסטו אויף אים דעם צער פון אומזין,
פון קאַלטער פרעמדקייט און אומהיימלעכקייט,
אַז אַלע, און אויך איך, מיר זאָלן ניט דערזען נאָך
זיין אמתן געשטאַלט... מסתמא דאַרף אַזוי צו זיין.
איך וואַרט, איך רייס מיין אומגעדולד אַרויס פון האַרץ,
דער שרעק, וואָס גייט אויף אונז, ער זאָל מיך ניט צעטומלען
און מיינע אויגן אויף דער עלטער ניט פאַרפינסטערן
צו קאָנען קוקן גלייך אין פּנים פון זיין אמתן געשטאַלט...
זיין אמתער געשטאַלט וועט מוזן זיך אַנטפּלעקן,
ווייל ער איז — דיינער...

שטייט אָנגעשפּאַרט ביים פענסטער. עס קומט אַריין ר׳ באָסעווי, אַן עלטערער ייד, רייך אָנגעטאָן

ר׳ באָסעווי

אַ גוטער אָוונט, רבי.

מהר״ל

אָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט.
אַ גוטער יאָר אייך, ר׳ באָכעווי, זיצט.

ר׳ באסעווי

דער רבי זאָל מיר מוחל זיין, וואָס ניט געפּרעגטערהייט —

מהר״ל

וואָס רעדט איר, ר׳ באסעווי, אַזאַ גוטער גאַסט. . .

ר׳ באסעווי

איך גיי דעם שול־הויף דורך, ערשט — רעדלעך פּיל,
מען חדושט זיך, און אַלע זיינען אַמרויק,
און קלאַנגען גייען אום פון מויל צו מויל,
און איך אַליין, איך זאָל ניט זינדיקן מיט מיינע רייד,
בין איך ניט זייער רויק, רבי.

מהר״ל

זעצט זיך, ר׳ באסעווי.

ר׳ באסעווי

זעצט זיך

איך האָב אין גאָרנישט ניט געשטערט אייך, רבי?

מהר״ל

אין גאָר נישט, ר׳ באסעווי.

ר׳ באסעווי

טראַכט איך: אפשר גאָר
אַריינגיין אויף אַ פּאָר מינוט צום רבין שמועסן.

מהר״ל

אַ גוטער איינפאַל, ר׳ באסעווי, זייער וויל פון אייך...
נאָר עפּעס זיינט איר ניט מיט אַלעמען, צעטראָגן,
האָט אפשר עפּעס אַנדערש אייך געבראַכט אַהער?

ר׳ באסעווי

עפּעס אַנדערש? ניין, איך ווייס אַליין ניט, רבי:
איר וואָלט געזען דעם טומל אויפן שול־הויף.

ס׳איז עפּעס ניט ווי אַלע מאָל. דער מרה־שחורהניק, דער תּנחום,
אַן אָפּגעריסענער, אַ פינסטערער, האָט, גאָט וויס ווו,
אַזוינע רייד גענומען. שטייט און רעדלעך אַרום אים,
ער שליידערט מיט די הענט און רעדט, און רעדט. . .
און דאָ צו אַלעם איז נאָך צוגעקומען ער, דער האָלץ־העקער,
ער וואַרפט דאָך ממש אָן אַ פּחד, רבי. . .

מהר״ל

איר אויך ווי אַלע, ר׳ באַסעווי? שטייט אַ מענטש
און אַרבעט, שפּאַלט. וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן?
מיר האָבן לאַנג דאָך שוין געזוכט אַ גוטן האָלץ־העקער.
איר ווייסט דאָך, ר׳ באַסעווי.

ר׳ באַסעווי

יאָ, נאָר דער
האָט עפּעס גאָר ניט נושא חן געווען ביי קיינעם.
איר וואָלט באַדאַרפט אַרויסגיין, רבי, און אַ קוק טאָן,
ווי אַלע, קליין און גרויס, אַרויסגעשאָטן האָבן זיך
פון אַלע הייזער לויפן אויפן שול־הויף קוקן,
ווי עפּעס אויף אַ ביזן ווונדער; און, דער אמת, רבי,
איך אַליין, דערזעענדיק אים אָט אָקאָרשט,
האָב ביישטיין ניט געקאָנט, געמוזט זיך אָפּשטעלן
און קוקן, אַ פאַרכאַפּטער, ווי ער הויבט די האַק. .
כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען נאָך אַזאַ מענטשן.

מהר״ל

זיצט אַ פאַרטראַכטער, אַ דערשראָקענער

ר׳ באַסעווי

איר ווייסט כאָטש, רבי, ווער ער איז? אַ היגער?

מהר״ל

צי ווייס איך ווער ער איז? אודאי ווייס איך.
קיין היגער טאַקע ניט. אַ פרעמדער, נאָר עס מאַכט ניט.

ר׳ באסעווי

איז האָבן מיר דאָך טאַקע ניט וואָס מורא האָבן,
ווי באַלד איר קענט אים, רבי.

מהר״ל

זאָגט עס אַלעמען,
ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן.

ר׳ באסעווי

כ׳וועל זאָגן, רבי.

מהר״ל

איר זיינט נאָך אָבער אַליין ניט רויק, ר׳ באסעווי,
איך זע אָן אייער פנים.

ר׳ באסעווי

זייט מיר מוחל, רבי.
איך זינדיק אפשר טאַקע; צופיל אומרו
האָט אָנגעקליבן זיך אין מיר פאַר די פאָר טעג...
און אָט די אומרו, מער פון אַלץ, האָט מיך
געבראַכט צו אייך איצט, רבי.

מהר״ל

גאָט איז אונזער פאָטער, ר׳ באסעווי.

ר׳ באסעווי

איך קום טאַקע אָט דאָס פון אייך צו הערן, רבי,
אַ וואָרט פון טרייסט, פון האָפנונג, בטחון.
איך בין שוין גרוי, און צייט געווען איך זאָל אַליין
דאָס וואָרט פון טרייסט אין האַרצן שטענדיק טראָגן,
און ניט דערשרעקן זיך און ניט פאַרלירן זיך אין שרעק...
וואָס קאָן מען אָבער טאָן? מיר זיינען זינדיק, רבי,
און צייטן — שלעכטע, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן...

אָט האָב איך נעכטן, רבי, ניט געקאָנט
אַ גאַנצע נאַכט ביז טאָג קיין אויג פאַרמאַכן...

מהר"ל

וואָס רעדט איר, ר' באסעווי?

ר' באסעווי

כ'בין זיך מודה.
עס ווילט זיך מיר מיין שרעק פון האַרץ אַראָפּרעדן.

מהר"ל

צי מאַכן מיר אַליין ניט צופיל גרויס דעם שרעק?

ר' באסעווי

אַליין? עס קאָן זיין, אַז מיר מאַכן אים צו גרויס,
עס קאָן דאָך אָבער זיין פאַרקערט: דער שרעק איז גרעסער,
נאָך גרעסער ווי מיר שטעלן זיך אים פאָר...
ווער ווייס, ווער ווייס, וואָס הינטער אונז עס ווערט געטאָן,
ווער ווייס, אין וועלכע נעצן אונזער פוס
ניט היינט איז מאָרגן וועט געפאַנגען ווערן?
ווער ווייס, פון וועמענס הענט עס קומט דער אומגליק? —
וואָס וויל מען פון אונז האָבן, רבי? זאָגט,
איך מיין גאַנץ פשוט, כ'וויל פאַרשטיין, באַנעמען,
וואָס וויל מען פון אונז האָבן?..

מהר"ל

מען וויל פון אונז אַ פולע, ר' באסעווי. גאָר אַ סך, אַ סך...
נאָר געבן קאָנען מיר זיי גאָרנישט, גאָרנישט, הערט איר?
און אפשר קאָנען מיר, — אָ, יאָ, מיר קאָנען, ר' באסעווי,
מיר ווילן אָבער ניט. מיר ווילן ניט... מיר האָבן
צו אַלץ און אַלעמען פון גאָר דער וועלט
נאָר צוגערירט זיך מיט איין שפּיץ פון פינגער,
נאָר פון דער זייט אַ הויך געטאָן מיט אונזער אָטעם,

און אַלץ און אַלע פון דער גאַנצער וועלט
וועט טראָגן שוין אויף אייביק אונזער פינגער,
און שטורעמס, ווירבלענדיקע שטורעמס וועלן אויסברעכן
פון אונזער לייכטן אויסגעהויכטן אָטעם...
צו וואָס גאָר דאַרפן מיר געפינען טעמים,
און פרעגן קשיות וואָס מען וויל פון אונז?
אויב טעמים זוכן — זאָלן זיי; זיי זוכן טאַקע,
זיי זוכן און געפינען, און אַז ווי צו זיי,
צו זייער אָנגעשטרענגטן זוכן און געפינען!
און מיר — מיר שטייען אָן דער זייט פון אַלע טעמים,
מיר זיינען שווער און לייכט, דערגענטערט און דערווייטערט;
מיר ווילן — גייען מיר אַנטקעגן מיטן פנים צו דער וועלט,
מיר ווילן — ווייזן מיר דעם נאַקן צו דער וועלט;
די וועלט איז נאָר דער דורכגאַנג, נאָר דער פרוזדור
צו אונז אַליין; ס'איז אפשר צו לאַנג, צו פאַרפלאָנטעט
דער דורכגאַנג, אָנגעשטעלט מיט שפּיזן, העק, —
נאָר ווער וועט גיין זיך לאָזן אָפּראַמען די העק,
אַז אויך מיט זיי וועט מוזן ווערן אָפּגעראַמט
אויך אונזער אָנריר, אונזער רויטער טראָט?..

ר' באסעווי

וועט מוזן אייביק ציען זיך דער וועג?

מהר"ל

און מיר — נאָך אייביקער, און אויסלייזן די וועלט —
מיר קאָנען, נאָר מיר ווילן ניט.

ר' באסעווי

מיר ווילן ניט?

מהר"ל

אָט דאָס איז דאָך, וואָס ז י י וואָלטן געוואָלט.

ר׳ באַסעווי

איך הער, און יעדעס וואָרט מאַכט גרעסער נאָך
אין מיר דעם צער.

מהר״ל

צער? וואָס איז ר׳ באַסעווי, צער?
מיר זיינען דאָך אַריינגעוואַקסן שוין אין אים, צונויפגעהעפט זיך,
אַרומגעשפּרייט אים איבער זיך און אָנגעצונדן,
און אויפגעלויכטן און צעזייט אויף אַלע וועלטן...
אָט גיט אַ קוק אויף זיך אַליין איצט, ר׳ באַסעווי,
עס לויכט אויף אייך דער צער... און אָט אַ שעה
פון אומגעדולד קאָן קומען, גרעסער נאָך פון צער,
אַ שעה פון גרעסערער עקשנות נאָך, און איך, צי איר,
צי יעדערער פון גאַס, אפילו תּנחום,
אָנשטאָט מיט איין שפּיץ פינגער אָנרירן די וועלט,
זאָל אויפהויבן אַ גאַנצע האַנט מיט אַלע פינגער. —
וואָס מיינט איר, ר׳ באַסעווי, וואָלט געווען דאַן?

ר׳ באַסעווי

אַן אומגליק וואָלט עס זיין פאַר אונז, אַן אומגליק.

מהר״ל

אַן אומגליק? מעלט אייך אויס, אַז ניט נאָר איך,
צי איר, צי עמעץ אַנדערש ערגעץ ווו,
נאָר ער, אַפילו ער, דער האָלץ־העקער, וואָס אויפן הויף,
זאָל אויפהויבן זיין גאַנצע האַנט מיט אַלע פינגער; —
צי וואָלטן זיי נאָך אַלץ געוואָלט מיר זאָלן — — —

האַקט זיך אָפּ און זיצט אַ דערשראָקענער פאַר עפּעס

ר׳ באַסעווי

וואָס איז אייך, רבי? איר זיינט בלייך געוואָרן.

מהר״ל

אַ טומל, דאַכט זיך, ר׳ באַסעווי, הערט איר ניט?

ר׳ באסעווי

אַ טומל? ניין, איך הער ניט, רבי.

מהר״ל

עס האָט זיך מיר אַ פּנים אויסגעוויזן נאַר.

קוקט דורכן פענסטער

יאָ, אויסגעוויזן נאָר, דער הויף ווערט ליידיק שוין.

ר׳ באסעווי

וואָס זאָל איך איצטער זאָגן, רבי, ווען איך זע
דעם פּחד אויף אייך אַן אויפגעלויכטענעם?

מהר״ל

וואָס זאָלט איר זאָגן? גאָרנישט, ר׳ באסעווי; שווייגן.
פאַרהאַן אַ צייט פאַר שווייגן... ווייסט איר, ר׳ באסעווי, —
די אַלע יידן וואָס אין שול זיי וועלן אָפּדאַווענען
און וועלן זיך צעגיין אַהיים, און שטיל, ווי אַלע מאָל,
זיך לייגן שלאָפן; אפשר וועלן זיי,
אַזוי ווי איר, קיין אויג ניט קאָנען צושליסן,
נאָר דאָך וועט קיינער ניט פון זיי זיך אויפהויבן פון בעט
און נאָכגעבן דעם שרעק...

ר׳ באסעווי

דאָס מיינט איר מיר צו מאַכן פאָרוואורף, רבי?

מהר״ל

ניט פאָרוואורף, ר׳ באסעווי, ניין, פאַרשטייט מיך.

ר׳ באסעווי

איך האָב געוואָלט פון אייך אַ טרייסט־וואָרט הערן.

מהר״ל

דאָס וואָרט פון טרייסט איז דאָ, איז דאָ,
ווייל אַלע שרעקן זיינען נאָר אומזיסטע, ר׳ באַסעווי.

ר׳ באַסעווי

אומזיסטע?

מהר״ל

שרעקן אָן אחריות זיינען זיי.

ר׳ באַסעווי

איך וויל אייך גוט פאַרנעמען, רבי. מאַכט מיר קלאָר.
איר זאָגט: פאַרהאַן אַ צייט פאַר שווייגן,
און דאָך איך פיל, אַז אייער פחד שווייגט ניט,
אַז אייער... זייט מיר מוחל פאַר די ווערטער, רבי.

מהר״ל

אָ, יאָ, איך בין אייך מוחל, ר׳ באַסעווי;
און נעמט זיך גוט אַריין אין זינען: ליגט ניט מער
די גאַנצע נאַכט אָן שלאָף ביז טאָג;
אַ ייד טאָר קיינמאָל ניט פון זיך דעם שלאָף פאַרטרייבן...
מיר זיינען ביידע אַלטע לייט שוין, ר׳ באַסעווי,
מען טאָר אָבער ניט ווערן צו אַלט פון צו קאָנען
אויף זיך אַליין צו איבערטראָגן אַלע וווּנדער;
פאַרנעמט איר וואָס איך זאָג אייך: אַלע וווּנדער.

ר׳ באַסעווי

פון אייער מויל צו הערן, רבי; אפשר וועל איך אויך
נאָך זוכה זיין מיט אייך צוזאַמען צו דערלעבן...

עס הערט זיך אַ טומל הינטערן טיר. מהר״ל עפנט און קוקט אַריין

מהר״ל

ווער איז דאָרט? תנחום? לאָז אים, טאָכטער.
ער מעג אַריינגיין.

ר׳ באסעווי

תנחום? ניט צו איבערטראָגן!

מהר"ל

עס מאַכט ניט, ר׳ באסעווי.

תנחום קומט אריין צעשויבערט, אָפּגעריסן. אויף איין לאַץ פון זיין קאַפּאָטע — אַ לאַנגער קריעה-ריס

תנחום

געהערט אַ העזה! תנחום וויל צום רבין —
פאַרשטעלט מען אים דעם וועג.

מהר"ל

זיצט, ר׳ תנחום.

תנחום

ניטאָ קיין צייט צו זיצן, רבי.
איך איַל, איך איַל,
עס וואַרט אויף מיר מיין פייערדיקער רייטוואָגן.

ר׳ באסעווי

און וויפיל איז דער שיעור צו רייסן קריעה?

תנחום

אַ שיעור? ניטאָ קיין שיעור.
ווייל אַלע לאַצן וואַרטן דאָך אויף מיר
איך זאָל זיך צורירן צו זיי,
פאַנאַנדעררייסן...
ווען ניט דער גרויסער יום-טוב פּסח,
וואָלט נאָך ביז היינט געלעבט מיין יוחנן,
צי זאָלן מיר דערפאַר זיך אָפּזאָגן פון פּסח?
איר שווייגט? איר ווילט זיך אָפּזאָגן פון פּסח?
איך שיק אויף אייך מיין פייערדיקן רייטוואָגן.

ר׳ באסעווי

איך האָב דאָס שוין געהערט, ר׳ תנחום.

תנחום

געהערט?
אויב טויזנט מאָל געהערט,
האָסטו נאָך ניט געהערט;
טויבע — ווי קאָנט איר הערן?
בלינדע — ווי קאָנט איר זען?
זעט איר מיין פנים אין דער מיטן נאַכט?
הערט איר מיין קול?
די אָרעמס צעשפּרייט איך,
די אויגן פאַרוואַרף איך,
דעם האַלז אין דער ווייט צי איך אויס...
אַריבערן דאַך פונם טורעם,
דורך אַלע צעלעכערטע פענסטער
יאָג איך אַריין און אַרויס...
פינף איז די צאָל פון די טורעמס, —
פינף,
איינער פאַר מזרח, און איינער פאַר מערב,
איינער פאַר צפון און איינער פאַר דרום,
דער פינפטער — פאַר מיר.
ווער טראָגט דעם צער פון די טורעמס? —
איך!
איך בין דער האַר פון די חורבות...

מהר״ל

רוט אָפּ, ר׳ תנחום, זעצט זיך.

תנחום

זעצט זיך, אָטעמט אַ מידער

מהר״ל

ניטאָ שוין קיינער אויפן הויף, ר׳ תנחום?

תנחום

ניטאָ, ניטאָ. צעגאַנגען אַלע.
אין שול אַריין צו מנחה.
און תנחומען געלאָזט אַליין מיט אים, דעם גזלן;
נאָר תנחום האָט ניט מורא פאַר אַ גזלן.
איך בין דאָס אייך געקומען זאָגן,
אַז תנחום האָט ניט מורא פאַר קיין האַק...

ר׳ באסעווי

איר הערט, רבי?

מהר״ל

צו וואָס אַזויִנע רייד, ר׳ תנחום?

תנחום

צו וואָס אַזוינע רייד?
אַז דו זאָלסט דאָס גאָר פרעגן, רבי.
פינסטערניש גייט אויף אונז, פינסטערניש
פון אַלע זייטן,
און קיינער קאָן ניט אָפּשטעלן מיין פייערדיקן רייטוואָגן,
אַפילו דו.
ווייל קיינער וועט ניט האָבן אַזאַ העזה,
ווייל קיינער איז אין אים נאָך ניט געזעסן,
און ניט געברענט זיך אין זיין פייער,
און ניט געדרייט זיך אונטער זיינע רעדער,
און ניט געשווינדלט אין זיין אָטעם...
זאָלן הענט זיך שטרעקן מער צו מיר,
זאָלן העק זיך הויבן,
העלזער שרייען; —
פאַרחלשט ווערן הענט,
פאַרראָסטעט ווערן העק,
און העלזער ווערן שטום,

און אויב ניט שטום, איז — אויפגעשניטן...

שפרינגט צו צום מהר״ל

און ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?
דער רבי, צי טאַדעוש, הא?

מהר״ל

טאַדעוש?

תנחום

דו ווייסט ניט ווער טאַדעוש איז?
דער רבי האָט באַדאַרפט עס וויסן.
און אַז טאַדעוש איז געווען אין פינפער טורם,
ווייס דער רבי?

מהר״ל

איך ווייס, ר׳ תנחום.

תנחום

דער רבי ווייס?

שפאַרט זיך אָן מיטן קאָפּ אָן טיש

ר׳ באסעווי

איז אמת טאַקע, רבי?

מהר״ל

ער וויל די אָרעמע לייט אַרויסטרייבן פון דאָרט.

תנחום

באָר ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?
צי אפשר גאָר דער האָלץ־העקער?

שפרינגט ווידער אויף

אַרויסטרייבן? וואָס וואַרט ער נאָך?
חורבות האָב איך מער נאָך פיל איך דאַרף,
חורבות פון דער גאַנצער וועלט
וואַרטן לאַנג אויף מיר,

קוקן אויס די לעכערדיקע אויגן,
אָטעמען צו מיר,
רופן איך זאָל קומען און געוועלטיקן.
זאָל איך קומען נאָר —
ווערט אַ פרייד אין זיי,
אַ געזאַנג
און אַ טאַנץ...
זאָל איך אָפּקערן מיין פּנים און ניט הערן
דאָס געבעט ?
ווער וועט אים דערהערן, אויב ניט איך ?
איך —
ווייל מיין האַרץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט...
ער הערט אויף צו שליידערן מיט די הענט. ווערט ווי איינגעגליווערט
די גרויסע אויגן פון דער וועלט
זיי זיינען פול מיט בענקשאַפט, —
ווער דערזעט די גרויסע אויגן פון דער וועלט ?
איך.
ווער קאָן איינשטילן די בענקשאַפט פון דער וועלט ? —
איך.
ווייל מיין האַרץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט...

אין מיין פייערדיקן רייטוואָגן טראָג איך זיך
רונד אַרום, רונד אַרום די טורעמס,
יעדן מיטן נאַכט.
אין דעם פייערדיקן רייטוואָגן
ליגט מיין זון —
מיין פסחדיקער זון...
זיין לינקער אויג איז דורכגעשטאָכן מיט אַ שפּיז,
דאָס רעכטע — צוגעמאַכט ;
זיין רעכטע האַנט איז אָפּגעשניטן ביזן אַקסל,
די לינקע — ביזן עלנבויגן.
יעדע ערשטע נאַכט פון פסח זאָג איך צו מיין זון :

— שטיי אויף, ווער לעבעדיק,
באַקום צוריק די אויגן און די הענט,
ווייל דורשטיק איז די תאוה פון דער וועלט
און הונגעריק איר בענקשאַפט...
שטייט ער אויף,
און ער וואַרט.
ביז — מיר הערן טריט:
זיי...
שטעכן זיי אים ווידער דורך זיין לינקן אויג,
שניידן ווידער אָפּ זיין רעכטע האַנט ביזן עלנבויגן,
די לינקע — ביזן אַקסל...
לייג איך אים צוריק אַריין אין רייטוואָגן,
און איך זאָג:
— ביז דעם קומענדיקן יאָר...
ווייל מיין האַרץ איז פול מיט רחמים צו דער וועלט...

תנחום לויפט האַסטיק אַרויס. מהר״ל און ר׳ באַסעווי זיצן פאַרגאַפטע. שווייגן לאַנג

ר׳ באַסעווי

אַווינע רייד, אַזוינע רייד.

מהר״ל

נעמט אַרומגיין הין און צוריק איבערן חדר. שטעלט זיך ביים פענסטער און קוקט אַרויס

ר׳ באַסעווי

הויבט זיך אויף

דער עולם, הער איך, גייט שוין מנחה דאַווענען,
אַ גוטן, רבי.

מהר״ל

אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר. איך קום אויך באַלד.

גייט אַרום הין און צוריק. שטעלט זיך ווידער ביים פענסטער. שטעקט אַריין דעם קאָפּ און קוקט געשפּאַנט. עס דערהערן זיך פון הויף אומרויִקע קולות פון יידן און ווייבער. מען לויפט פאַרביי דעם רבס פענסטער און מען שרייט: „ווי איז

דער רבי? זאָל דער רבי אַרויסגיין!" קולות פון ווייבער: „ווי איז אונז, אַן אומגליק אויף אונז!" מהר"ל לאָזט זיך צום טיר, עס לויפט אריין די רביצין, פירט דבורהלען פאַרן האַנט. ביידע טויט-דערשראָקענע.

דבורהל וויינט

מהר"ל

וואָס איז געשען?

רביצין

דער נייער מענטש, דער האָלץ-העקער, ווי איז מיר.

מהר"ל

וואָס האָט ער געטאָן?

רביצין

אַ ניי אומגליק אויף אונז, אריה לוי, איך זאָג דיר.
אויף טויט דאָס קינד דערשראָקן. ווי איז מיר:
זי גייט אַרויס אַן עמער וואַסער אָנשעפּן,
איז לויפט ער צו און לאָזט זי ניט צום ברונען צוגיין.

דבורהל

וויינענדיק

ער זאָגט, אַז ער דאַרף טראָגן וואַסער.

מהר"ל

נאָך וואָס האָט ער געטאָן?

רביצין

אַ חרפּה פאַרן מויל אַרויסצובריינגען, אריה לוי.
בפרהסיא זי אַ כאַפּ געטאָן צו זיך, געקושט זי.
ווען ניט דער עולם, וואָלט ער זי דערשטיקט נאָך, חס ושלום.

מהר"ל

וואָס טוט ער איצט?

רביצין

וואָס זאָל ער טאָן? אַ גולם, ניט קיין מענטש.
ער שטייט, ווי אַ פאַרשטיינערטער און רירט זיך ניט.

דבורהל

פאַרטרייב אים, זאָל ער גיין פון דאַנען —

מהר״ל און ביידע פרויען גייען ארויס. פון הויף הערט זיך א גערודער. ווערט שטילער. מהר״ל קומט אריין און נאָך אים דער גולם מיט דער האַק אין האַנט. ער שטייט אין מיטן חדר מיט אַרונטערגעלאָזטע הענט אין אַ מאָדנער פאַרגליווערונג. מהר״ל באַטראַכט אים אַ לענגערע צייט, נעמט ארויס די האַק פון זיינע הענט. דער גולם באַוועגט זיך ניט. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט שלאָפן, שטייענדיק מיט אָפענע אויגן

מהר״ל

דו שטייסט פאַרשטיינערט און דו זעסט ניט,
ווי איך דערנענטער זיך צו דיר.

גולם

שטייט פאַרגליווערט

מהר״ל

הייב אויף דעם קאָפּ און אויך די אויגן,
איך וויל אַריינקוקן אין זיי.
נאָך טראָגן זיך אַרום די קולות,
וואָס דו האָסט אויפגעוועקט, דער שרעק
נאָך שטייט אַהינטער דיינע אַקסלען
און קוקט אַריבער גרייט צום אָנפאַל.
מיט טויזנט אויגן, מיילער, צינגער
ער דרייט זיך נאָך אַרום דיין קאָפּ...

גולם

שטייט אומבאַוועגלעך

מהר"ל

און איך האָב וווּנדער אויסגעבעטן
ביי גאָט פֿאַר דיר, דורך פּײַן און טרערן;
זאָלסט קאָנען זען, ווו קיינער זעט ניט,
און הערן אַלץ, וואָס קיינער הערט ניט;
ביין ז.יילן אין דער טיפעניש
דערשפירן זאָלסטו מיט דיין טראָט,
אין פייער זאָל דײַן גוף ניט ברענען,
אין טיפן וואַסער — זיך ניט טרינקען,
די ריחות פון די ווייטסטע ווינטן
דערשמעקן זאָלסטו מיט דײַן נאָז;
און ווען מען דאַרף — דיין גוף זאָל ווערן
ווי שטראַלן דורכזיכטיק, ווי לופט,
און אין אַ צווייטן זיך פֿאַרוואַנדלען —
זאָלסט זיין אַ רואה ואינו נראה...
איך טראָג דערהויבונג פֿאַר דײַן לעבן,
פֿאַר דיינע הענט — געבענטשטע גבורה;
און דו — דו שטייסט ווי האָלץ פֿאַרגליווערט,
די אויגן — טעמפּ, דאָס מויל — צעקרימט;
אויף דיינע ברייטע מויער־אַקסלען
נאָך ליגט דער טויטער צער פון ליים;
אויף דײַנע הענט נאָך שלענגלען זיך
פֿאַרלעגערטע, פֿאַרשטויבטע ווערים,
און פון דיין אָטעם שפּאַרט פֿאַר מיילן
דער ריח פון צעפוילטן שטיין...
ביסט לעבעדיק, ביסט אַלט איין טאָג,
און שוין דאָס מענטשלעכע אין דיר
געיילט האָט זיך אַרויסצווייזן
מיט שנאה און מיט תאוה און מיט אומגליק;
נאָר האָב איך דיך געבראַכט צו מיר
צו זיין ווי אַלע מענטשן גלייך?

זאָל זיין, עס איז אויף דיר געפאַלן
די גאַנצע פינסטערניש און שרעק
פון אונזער אַלעמענס פאַרצווייפלונג —
נאָר ווו איז אָבער דאָס געזאַנג,
אויף דיין געזיכט דער גרויסער שיין
פון אונזער אַלעמענס בטחון ?
וואָס שטומסטו ? ענטפער, זעסטו ניט,
אָט הויב איך אויף אויף דיר מיין שטעקן !

גולם קומט צו זיך. שטרעקט אויס די הענט מיט פרייד צום מהר״ל

גולם

ווו בין איך ? רבי, האַ, ווו בין איך ?
ווו זיינען אַלע ניט געוואָרן ?
אַזוי געשריען האָבן זיי,
געווײנט, געדרייט זיך אַרום מיר,
און איך האָב ניט געוווסט פאַרוואָס —
און מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן,
פאַרקלעפט זיך האָבן מיינע אויגן —
איך בין געשלאָפן, רבי.

מהר״ל

ביסט געשלאָפן ?

גולם

איך ווייס ניט, רבי, אונטער מיר
די ערד האָט זיך גענומען וויגן.
אַ האַנט האָט מיך געטאָן אַ צי,
געטאָן אַ שליידער אין דער הויך
און נאָכדעם טיף אַראָפּגעוואָרפן.
איך בין געפאַלן. נאָר די ערד
אַ בראָך האָט זיך געגעבן פלוצלינג,
צעשפּאָלטן זיך אויף צוויי חלקים.
בין איך געפלויגן אין דעם אָפּגרונט

און ניט געהאַט אַווו צו פאַלן...
און ווי איך פלי אַזוי, איך זע,
ערשט דו — דו זיצסט אויף מיר און שטויסט מיך
אַלץ טיפער, טיפער אינם אָפּגרונט.

מהר"ל

רעד אויס אינגאַנצן.

גולם

דיין פנים איז געווען געדאָפּלט:
אַ האַלבער — גרויס אַזוי ווי מיינער,
אַ האַלבער — קלענער נאָך פון דיינעם;
און אויגן — פיר, און אַלע טויטע;
אין איינעם נאָר אַ רויטער פינטל,
וואָס האָט געטריפט מיט הייסן בלוט...
און מיט אַמאָל איך זע: דיין קאָפּ
האָט אָנגעהויבן זיך צו רייסן,
אָן מיינעם זיך גענומען קלאַפּן,
און מיט דעם אויג, וואָס טריפט מיט בלוט,
אַריינגעברענט זיך אין מיין שטערן,
און ביסלעכווייז צו מיר אין מח
אַריינגעזונקען ביזן האַלז...
און ווי דו זינקסט אין מיר — איך זע:
דיין האַלז איז לאַנג און ווייס און בויגיק;
איך האָב דיך אָנגעכאַפּט ביים האַלז
און שטאַרק גענומען ווערגן, ווערגן...

מהר"ל

רעד אויס אינגאַנצן דיין רציחה.

גולם

איך ווייס ניט מער, כ'האָב ניט געזען מער
ניט דיין געזיכט, ניט דיינע אויגן;

דאָס האָט גאָר מ י י ן האַלז ווער געוואָרגן,
און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דיינעם. . .
אָ, זיי מיט מיר, פאַרלאָז מיך ניט.

ער ציט זיך אויס אויף דער ערד, פאַלט צו צום מהר״לס פיס

אָ, זיי מיט מיר. אַז ניט — פאַרטרייב מיך.

מהר״ל

שטיי אויף. איך זע דיין טרויער.
איך בין דיר מוחל.

גולם

פאַרלאָז מיך ניט.

מהר״ל

שטיי אויף.

גולם

אָ, נאָך אַ ביסל, רבי,
לאָז ליגן מיך ביי דיינע פיס.

מהר״ל

שטיי אויף.

גולם

אָ, נאָך אַ רגע, רבי.
עס ווערט מיר גוט. עס ווערט מיר לייכטער.
עס ווערט מיר ליכטיק.

מהר״ל

מיט פרייד

ליכטיק?
וואָס זעסטו?

גולם

ריך.

מהר״ל

און איצט ?

גולם

דו ריזסט מיך אָן מיט דיינע הענט.

מהר״ל

איך בענטש דיך. איצט וואָס זעסטו ?

גולם

פייער ! פייער !
אַ גאַנצער פלאַקער דרייט זיך, קנוילט זיך,
ער וויל מיך אָנצינדן און קאָן ניט.

מהר״ל

און איצט ?

גולם

אַ וואַסער שטראָמט אוןווירבלט.
איך זינק און ווער דאָך ניט דערטרונקען ;
און שטיינער האָגלען אויף מיין קאָפּ
און שפּרינגען אָפּ צוריק...

מהר״ל

וואָס נאָך ?

גולם

און הינט פאַרסמטע רייסן מיך, —
מיין לייב ווערט ניט צעריסן. . .

מהר״ל

וואָס הערסטו ?

גולם

טיף פון אונטער דר׳ערד
פאַרשטיקטע קולות הער איך,

געשפּרעך פון שטיינער און פון וואָרצלען,
און טריט פון איילנדיקע פיס. . .
איך הער אַ ווינט, ער יאָגט זיך אום,
ער רופט מיך אָן ביים נאָמען,
און איך דערשרעק זיך ניט פאַר אים...
און, רבי, זע, אָט קוקט אויף מיר
אַ פּנים דורך און דורך פון ליכט,
אַ גוף אַ ריזיקער ווי איך;
ער טראָגט זיך, פלאַטערט איבער מיר
און וויגט זיך ווי אויף פליגלען צוויי,
ער וואַקסט אַרויס פון מיינע אַקסלען
און שפּרייט זיך אויס פון מיינע אָרעמס. . .

מהר"ל

שטיי אויף.

גולם שטעלט זיך אויף

און איצט וואָס זעסטו?

גולם

איך זע אַ מענטש געקליידט אין שוואַרצן,
ער גייט אַהער מיט שטילע טריט,
מיט טריט, וואָס לויערן נאָך רויב. . .

מהר"ל

צעעפן נאָכאַמאָל די אויגן
און נאָכאַמאָל דערזע דאָס ליכט,
די פליגלען פון דעם א י נ ו נ ר א ה,
וואָס שפּרייטן זיך אַרויס פון דיר. . .
צום פינפער טורעם לאָז זיך גיין
און דאָרטן זיי, און דאָרטן שלאָף. . .

גולם לויפט האַסטיק מיט איין שפּרונג אַרויס פון חדר. מהר"ל, אליין און איבער-
ראַשטער, פאַלט צו מיטן פּנים צום וואַנט. זיינע אַקסלען צוקן.

בעטלער

אין פינפּער-שלאָס. אַ גרויסער חרובער צימער. פון צווײ זייטן — אַריינגאַנגען אין אַנדערע חדרים. איין וואַנט אַ דורכגעלעכערטע, די איבעריקע — פאַרשוואַרצטע, פאַרצויגענע מיט שפּינוועבס, דורכגענעצטע פון רעגנס. קיין טירן. שווערן — וואַקלענדיקע. די שויבן — אויסגעבראָכן. וווּ-ניט-וווּ שטעקן נאָך איבערגעבליבענע שויבן פון פאַרשיידענע קאָלירן. אין איייניקע פלעצער זעען זיך סימנים פון געוועזענע מאַלעריען. זיי זיינען אלע פאַרשמירט, באַדעקט מיט נאַכלעסיקע קריצן און פלעקן. אין איין ווינקל זעט מען נאָך קייטלען פון יעזוס-לאָמפּאַדעס.

אינם חדר האַלטן זיך אויף אָרעמע-לייט בעטלער. אויפן דיל, ווו זיי שלאָפן, ליגן אָנגעוואָרפן אַלטע שמאַטעס, פעקלעך, א פּאָר קישנס. אויף די ווענט הענגען טאָרבעס.

אָנהויב נאַכט. דורך די לעכערדיקע פענסטער ווייט אַ קאַלטער פרילינג-ווינט. פינסטער.

אַ קראַנקער אָרעמאַן ליגט אין אַ ווינקל אויף שמאַטעס צונויפגעדרייט און פיבערט. די איבעריקע זיינען נאָך נישט אָנגעקומען.

קראַנקער

די ביינער מיינע ברעכן, אַלע ביינער.
גיי אויס — וועט קיינער גאָר ניט וויסן.
קאַלט איז מיר.

זעצט זיך אויף

ניטאָ נאָך קיינער.
אַ ביסל וואַרעם וואַסער זאָל ווער ברענגען.
אַ גאַנצן טאָג אין מויל נאָך ניט געהאַט. . .
אוי, די ביינער מיינע, אוי, די ביינער.

לייגט זיך צוריק

וואָס זאַמען זיי זיך אַלע ? ווייניק נאָך
דער טאָג פאַר זיי ; די גאַנצע וועלט

אַרייַנגעשלונגען וואָלטן זיי. און וואָס און ווען ?
אָט העגגט מיין טאָרבע פול געפּאַקט
מיט ברויט, מיט חלה. . . אוי, די ביינער מיינע. . .

זעצט זיך ווידער אויף

אַ פינסטערניש אַזאַ. נישטאָ קיין כח
צו שטעלן זיך און אָנצינדן דאָס לעמפל,
מיט עפּעס וואָס די שויבן צו פאַרשטעקן. . .

שטעלט זיך אויף, שאַרט אין דער פינסטערניש. פאַלט אַנידער צוריק

אָ, גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב. . .

וואַרפט אויף זיך די שמאַטעס, וואס ליגן לעבן אים, טוליעט זיך אין זיי און פי־
בערט. שטיל. עס קומט אַריין דער גולם. בלייבט שטיין אין מיטן חדר. ווייס
נישט ווו צו קערן זיך. שווייגט

קראַנקער

הויבט אויף דעם קאָפּ

שוין דאַנקען גאָט געקומען ווער ? געקומען ?

ג ו ל ם

שווייגט

קראַנקער

נישטאָ קיין צונג צו ענטפערן אַ חולה ?
וואָס שווייגט איר, האַ ? ווער זייַנט איר ?

ג ו ל ם

שווייגט

קראַנקער

מיט וואַקסנדן שרעק

ווער זייַנט איר ? זעט איר ניט,
מיך וואַרפט אין קעלט. —

שפּרינגט אויף מיט אימפּעט און קוקט אויפן אַרייַנגעקומענעם. מאַכט געוואַלטן

פייער ! פייער !
ווער זייַנט איר ? ענטפערט. . . וואַרט אַ רגע,

כ׳וועל אָנצינדן דאָס לעמפּל.

צינדט אָן אַ רויכערדיקן לעמפּל. זיין שרעק ווערט נאָך גרעסער

וואָס דאַרפט איר דאָ? וואָס רעדט איר ניט?
אָן זאָר ענטפער?

גולם

שווייגט. זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד

קראַנקער

איר ווילט דאָ שלאָפן?

גולם

ביט רעד צו מיר.

קראַנקער

פון וואַנען קומט איר? אָן אַ טאָרבע גאָר.
דאָס ערשטע מאָל אין פּראָג?

גולם

ביט רעד צו מיר.

קראַנקער

וואַרפט זיך צוריק אויף זיין געלעגער, קוקט מיט שרעקפולע אויגן אויפן גולם
דער גולם שטעלט זיך אויף, גייט אַריין אין צווייטן חדר, זעצט זיך ביי אַ וואַנט
אַנטקעגן טיר צו, קוים וואָס מען זעט אים ארויס פון דער טונקלקייט.

עס קומען אַריין דער רויטער און דער בלינדער

רויטער

פאַרשטייסט?

בלינדער

צי האָסטו גוט געזען?

רויטער

אַ כומר קאָן מען גלייך דערקענען.

בלינדער

זאָל אמת זיין?

רויטער

אַז אַלע רעדן מוז זײַן אמת.

בלינדער

אַהינטער אונז איז ער געגאַנגען ?

רויטער

אַ צוואַנציק טריט פון אונז, ניט מער,
געבויגן, שטיל, אין האַנט דער שטעקן.
און פלוצלינג אָפּגעקערט זיך אָן אַ זײַט...

בלינדער

אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט איך זאָל ניט זען
די טריט פון דעם, וואָס יאָגט אונז נאָך.

רויטער

געשטראָפט ? און אפשר גאָר געבענטשט.
איך בין דאָך ניט קיין ציטעריקער, דאַכט זיך,
און עפּעס האָט מיר אָפּגעהאַקט דעם אָטעם.

בלינדער

דער פוס פון ניט קיין בעטלער האָט נאָך קיינמאָל ניט
געטראָטן אויפן וועג אַהער צום פינפער-שלאָס.

רויטער

אַ נו, דו פּרוּוו נאָר רופן וועמען גיין אַהער,
וועט יעדער אַ פּאָר אויגן נאָר דיר אויסשטעלן.
פאַר חורבות האָבן אַלע מורא, אַלע.

בלינדער

און מיר, מיר האָבן דען קיין מורא ניט ?
ניט מער, מיר קומען איבערשלאָפן נאָר,
פאַרשטעלט אונז שוין דער שלאָף און היט אונז.

רויטער

און פלוצלינג, אַז דו זעסט אויף אונזער וועג
אַ פרעמדנס טריט אַהינטער דיר, —
פאַרשטייסט, וואָס קאָנען וועלן פרעמדע טריט ?.

בלינדער

וואָס קאָנען וועלן ? גאָט דער לעבעדיקער ווייס,
נאָר ער איז אונזער פאָטער.

פלוצלינג

מיר זיינען דאָ אַליין ?

רויטער

דער חולה ליגט דאָ. שלאָפט.

בלינדער

און חוץ דעם חולה ?

רויטער

איך זאָג דאָך דיר : דער חולה נאָר.

בלינדער

צי דאַכט זיך מיר ? נו, קוק זיך גוט אַרום.

רויטער

וואָס מיינסטו ?

בלינדער

טאפט מיט די הענט, שלאָגט זיך צו אן דעם קראנקן. קראנקער כאפט זיך אויף

קראנקער

אַ ביסל וואַסער. ברענגט אַ ביסל וואַסער.

רויטער

ניטאָ קיין וואַסער דאָ.

קראַנקער

אין צווייטן חדר דאָ דערביי, — אָ, ניין,
ניט גייט אַהין, דאָרט זיצט אַ פרעמדער איינער.

רויטער

אַ פרעמדער?

בלינדער

הערסטו שוין? איך זאָג אַז —

טאַפּט אָן די שוועלן פון צווייטן חדר

אַ פרעמדער? ווער איז דאָ דער פרעמדער, האַ?

רויטער

קוקט אַריין און שפּרינגט אָפּ

ער, ער, דער האָלץ־העקער. אָט דער — —

בלינדער

אָט דער, וואָס האָט אַזוי נאָך דבורהלען — — —
גאָר דאָ? ווי קומט ער דאָ?

רויטער

אַ לײַך אַזאַ.

בלינדער

ניט שריי, רעד שטילער.
דער רב האָט דאָך פאַרזאָגט ניט רייצן זיך.

רויטער

איך רייץ זיך, וואָס? איך זאָג אַזוי.
נאָר ווער האָט אים געבראַכט אַהער?

קראַנקער

אַליין איז ער אַריינגעקומען,
אויף מיר אַ טויט־שרעק אָנגעוואָרפן.

רויטער

אַזאַ קאָן אמת אָנוואַרפן אַ טויט־שרעק,

בלינדער

זיי שטיל. ניט זיי קיין חכם.

גולם

ווייזט זיך אין טיר

איך הער מיין נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן דאָ.

רויטער

דיין נאָמען? ניין... איך האָב געזאָגט —
איך האָב געמיינט —

גולם

דערמאָן ניט מער.

גייט אַריין צוריק

רויטער

פאַרשטייסט? מעגסט דאַנקען גאָט,
וואָס דו ביסט בלינד און זעסט אים ניט.

בלינדער

דער רב אַליין איז אים מקרב.

רויטער

ס'איז עפּעס דאָ ניט גלאַט. דו הער מיין וואָרט.

קראַנקער

פאַרשטעקט די פענסטער.

רויטער

די לעכער, זאָג.

קראַנקער

פאַרשטעקט. מיך וואַרפט אין קעלט.

רויטער

די שמאַטעס אונזערע — געציילטע,
די לעכער — אָן אַ צאָל, מיט וואָס פאַרשטעקן?

קראַנקער

אָ, גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב...

בלינדער

זעצט זיך אויף דער ערד, נעמט ארויס פון בוזעם אָנגעקליבענע מטבעות, וויקלט אין אַ קניפּל

רויטער

נעמט ארויטער פון וואַנט אַ טאָרבע, שיט ארויס פון איר ברעקלעך, טרייסלט. צום בלינדן

אַ סך געמאַכט? אַ סך? און איך קיין פרוטה.

בלינדער

פאַרוויקלט דאָס קניפּל, באַהאַלט צוריק אין בוזעם

אַ סך. פון וואַנען ווייס איך צי אַ סך?
דו פרעג די בלינדע אויגן מיינע.
דאָס מאַכן זיי נדבות. זיי — ניט איך.
אַז טאָג און נאַכט פאַר מיר איז איינס,
זאָל זיין אַ קניפּל כאָטש אין בוזעם...
נו, יאָ, דו פרעג די בלינדע אויגן מיינע.

רויטער

דאָס גאַנצע ברויט שוין אויסגעגאַנגען.
באָר פרישע חלות מאָרגן, פרייטאג מאָרגן.

פּאָקט אריין שמאַטעס אין זיין טאָרבע, פאַרבינדט

זאָל זיין די טאָרבע גרייט, פאַרפאַקט...

בלינדער

וואָס רעדסטו דאָרט ? איך הער ניט.

רויטער

איך רעד, — וואָס האָב איך דען צו רעדן ?
זאָל זיין די טאָרבע אויפגעפּאַקט. . .

בלינדער

וואָס זאָגסטו ניט צו דעם, —
פאַרגעסן מעריב דאַוונען.

שטעלט זיך צום וואַנט

והוא רחום יכפּר עון. . .

דאַוונט שטיל. עס קומען אַריין דער האָרבאַטער, דער הילצערנער פוס, דער הויכער און דער נידעריקער. אַלע מיט אָנגעפּילטע טאָרבעס.

דער רויטער גייט זיי אַנטקעגן

רויטער

אַן אורח האָבן מיר, אַן אורח.
אָט דער, וואָס אויפן שול־הויף — — — —

אַלע

וואָסער אורח ?

רויטער

פון וואַנען קומט איר ? נישט געהערט גאָר ?
דער האַלץ־העקער פון שול־הויף.

הויכער

איז טאַקע אמת ? — דאָ איז ער ?
עס קאָכט דאָך פראָג מיט אים.

רויטער

אַן זיצט ער. זיך פאַרשלאָגן אין דער פינסטער
און גלאָצט דאָרט מיט די אויגן.

אַלע קוקן אַריין

נידעריקער

צוזאַ גדול!

רויטער

ניט שרײַ. ער קאָן דערהערן נאָך. אַ מורא.

הילצערנער פּוס

ער שלאָגט זיך, וואָס?

רויטער

געננג — ער טוט אַ קוק,
פאַלט אײַן דאָס האַרץ, נאָך שלאָגן דאַרף ער זיך.

הויכער

ווי רופט מען אים?

רויטער

זייער שטיל

מען זאָגט, אַז יאָסל.

דער גולם שפּאַנט אַרײַן. אַלע רוקן זיך אָן דער זײַט

גולם

מײַן נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן דאָ.
דערמאָן נישט מער.

גייט אַרײַן צוריק

רויטער

דאָס צווייטע מאָל שוין הײַנט,
און אַלץ מיט מיר. געהערט אַזאַ שגעון?
כ'האָב דאַכט זיך שטיל געזאָגט.

נידעריקער

וואָס איז, מען טאָר אים ניט דערמאָנען גאָר?

אַלע קוקן זיך אָן פאַרחדושט

הוילער

אווו אַ צרה — גלייך צו אונז אין חורבה.

רויטער

דער רב אַליין האָט אים אַהער געשיקט.

אַ ל ע

דער רב אַליין?

צוזעצן זיך און בינדן פּאַנאַנדער זייערע טאָרבעס

רויטער

באַגעגנט האָט איר קיינעם ניט?
דער כּומר — — —

אַ ל ע

ווער? טאַדעוש?

בלינדער

דאַווענדיק מאַכט מיטן האַנט מען זאָל ניט רעדן

אַ, נו... ששש...

אַלע שווייגן שטיל. לייגן אַרויס דאָס אַנגעבעטלטע

רויטער

און איך האָב שוין מיין טאָרבע איינגעפּאַקט,
און איר צעלייגט זיך ערשט...
אומזיסטע טרחה נאָר, אומזיסט די טרחה.

הויכער

וואָס רעדט ער דאָרט?

רויטער

מען זאָגט דאָך אייך, צי האָט איר ניט געהערט? —
מען וויל דאָך אונז אַרויסטרייבן פון דאַנען.

בלינדער

שש, אָ, שש...

הויכער

אַרויסטרייבן? פון דאַנען? פון דער הורבה?
און פרעג דורכויס איז אונז מקנא.
און מען קומט ניט פרעגט מען היינט:
איז פלאַץ פאַראַן אין פינפער־שלאָס פאַר נאָך?..
פאַרשטייט איר שוין? — דער גאַנצער פינפער־שלאָס
וועט ווערן אָנגעפּאַקט מיט יידן,
אַרויסגעטריבענע פון אַלע הייזער...
פאַרשטייט איר שוין? — פון הייזער קאָן מען טרייבן,
מען קאָן דאָך אָבער ניט פון חורבות טרייבן...
פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס דער פינפער־שלאָס
וועט ווערן אָנגעפּאַקט מיט יידן?..

בלינדער

אַך, נו, ששש...

האָרבאַטער

און אַז מען וועט פון דאַנען אויך
אונז קומען טרייבן, חס ושלום?..

הויכער

מיר וועלן עפענען די טאָרבעס אונזערע:
— נעמט צו אינגאַנצן, נעמט...
און אַז זיי וועלן צונעמען אינגאַנצן, —
נו, יאָ, זיי וועלן צונעמען אינגאַנצן:
די חלות און די שטיקער ברויט,
די בגדים און — וואָס נאָך? וואָס נאָך?..
נו, יאָ, זיי וועלן צונעמען אינגאַנצן...

בלינדער

ענדיקט דאַווענען, שטייט ביים וואַנט

פאַראַן אַ גאָט אין הימל, יידן.

קראַנקער

זעצט זיך אויף

פאַראַן, פאַראַן אַ גאָט אין הימל, קוקט ער צו,
ווי בעטלער זיצן נאָך אַ טאָג פון בעטלען
און קלאָגן איבער חלות, איבער ברויט...
און אַז זיי פאַלן מיד אַנידער
און מאַכן צו די אויגן און זיי שלאָפן,
פאַרבלייבן דאָך די חלות ניט באַוואַכטע...
און יעדער קאָן דאָך קומען און זיי צונעמען,
אַפילו ניט קיין שונא, נאָר אַ דורכגייער...
ווייל ווער עס איז אַ דורכגייער, דער — שלאָפט ניט,
ער זיצט אַן אָנגעכמורעטער און שלאָפט ניט,
און בעטלער זיינען מיד און שלאָפן...
פאַראַן אַ גאָט אין הימל, קוקט ער צו.

הויכער

וואָס איז מיט אים? וואָס רעדט ער?

קראַנקער

שוין צוויי טעג ניט געבעטלט. נו, איז וואָס?
מיין טאָרבע ליגט פאַרבינדן, ניט גערירט.
און ווער עס וואָלט געוואָלט האָט לאַנג געקאָנט
זי אָפּבינדן און צונעמען, אַוועקגיין...
איז קיינער ניט געקומען. נו, איז וואָס?
מען קאָן נאָך קומען מאָרגן, איבערמאָרגן,
ווייל קיינמאָל איז ניט שפּעט...
מען קאָן אַפילו קומען היינט. —
פאַראַן אַ גאָט אין הימל, קוקט ער צו...

בלינדער

וואָס רעדט ער, האַ?

קראַנקער

אָט בין איך דאָך אַ גאַנצן טאָג געלעגן
און אַלץ געהערט, געזען.
און ווער עס קאָן אַלץ זען און הערן
דאַרף ליגן אויף איין אָרט. . .
און ווען מען איך האָב הויך געררופן
איז יענער ניט געקומען. . .
און ווען מען איך האָב ניט גערופן
איז יענער יאָ געקומען. . .
דאָס לעצטע ביסל וואַסער פאַר מיין גומען
איז ניט דערלאַנגט געוואָרן;
און אָנגעצונדן האָב איך פייער נאָר פאַר שרעק,
און צוגעפאַלן מיטן פנים צו דער ערד
איך ניט געשטילטן דאָרשט. . .
ווייל ווען מען איך האָב ניט גערופן
איז יענער יאָ געקומען. . .

אַ ל ע

וואָס איז מיט אים? וואָס רעדט ער?

קראַנקער

איך רעד ניט מער, איך רעד ניט מער,
זאָל רעדן יענער, ווען מען איך האָב ניט גערופן,
פאַראַן אַ גאָט אין הימל — קוקט ער צו. . .

ליגט זיך אַוועק צוריק, גראָבט זיך איין אין געלעגער. דער גולם קומט אַרויס און בלייבט שטיין ביים טיר. אַלע פון שרעק רירן זיך ניט. אין דעם קומט אריין מ נ ח ו ם, מעסט אָפּ אַלעמען מיט די אויגן, דערזעט דעם גולם און שטייט אַ צוגעשמידטער

רויטער

עס וועט זיין פריילעך באַלד.

תנחום

גיט אויף אים א בייזן קוק, זאָגט גאָרנישט. גייט צו האַרט צום גולם און צעלאַכט זיך אויפן קול

הויכער

וואָס לאַכסטו, משוגענער?

תנחום

דו קענסט זיי?

טייטלט אויף אַלעמען מיט די פינגער

דו ווייסט ווער זיי זיינען? דו זעסט וואָס זיי טוען?
דו האָסט דאָך גרויסע הענט — דערשלאָג זיי;
דו האָסט דאָך גרויסע פיס — צעטרעט זיי;
איך האָב געזען אַ האַק ביי דיר — ווו איז זי?
דו זעסט דעם האָרב? די רויטע באָרד?
דו זעסט דעם פוס — צעשפּאַלט אים,
דו קאָנסט דאָך שפּאַלטן האָלץ.

גולם

זאָגט גאָרנישט. גייט אַריין צוריק אין דער פינסטערניש. תנחום זעצט זיך אַרונטער אויף דער ערד, נעמט אַרום דעם קאָפּ

רויטער

צעלאָזט זיך, דער משוגענער.

הויכער

אים דאַרף מען נאָר אַ שלעפּ טאָן פאַרן צונג.

אַלע שווייגן שטיל

תנחום

דערווייל בין איך דער באַלעבאָס —
די שוועלן זיינען מיינע,
די אויסגעהאַקטע שויבן זיינען מיינע,

און איך האָב אייך אַריינגעלאָזט אַהער, —
איך!
נאָך זיבן טעג, נאָך זיבן נעכט,
און ער וועט אויפשטיין,
פונם פייערדיקן רייטוואָגן אַרונטערנידערן אַהער,
דאַן וועט איר אַלע מוזן גיין;
דער פינפער-שלאָס געהערט צו אים,
צו אים — מיין יורש...
צי הערט איר נישט ווי אַלע חורבות שרייען,
ווי אַלע שויבן רופן:
ווען קומט ער שוין?..
קלייבט אויף די שמאַטעס,
פאַרבינדט די טאָרבעס,
ראַמט אויף די וווינונג
פון מיין יורש...

עס קומען אריין צוויי פרעמדע וואַנדערנדע אָרעמע לייט, דער אַלטער בעטלער און דער יונגער. פאַרשטויבטע פון לאַנגן וועג מיט שטעקנס אין די הענט און טאָרבעס אויף די פלייצעס. ביידע זייער מיד

ביידע אָרעמע לייט

אַ גוט נ׳אָוונט אייך, יידן.

אַלע ענטפערן: גוט יאָר

אַלטער בעטלער

געטראָפן גוט. נו, זעסט. יידן אומעטום.
מיר וועלן קאָנען איבערשלאָפן דאָ,
וואָס זאָגט איר, יידן?

הויכער

אודאי, זיידע.

גיט שלום-עליכם צו ביידע בעטלער און אַלע אַ חוץ תנחומען און דעם קראַנקן טוען אויך דאָס זעלבע

אַלטער בעטלער

עליכם - שלום, יידן, עליכם - שלום. . .
איר שלאָפט זיך אויפן דיל אַזוי, מסתמא,
נו, וועלן מיר זיך אויך אַזוי שוין צושפּאַרן.
נאָר איבערנעכטיקן די נאַכט, נאָר איבערנעכטיקן. . .

רויטער

איר קאָנט אַ פּולע נעכט דאָ שלאָפן, זיידע,
די חורבות זיינען גרויס גענוג פאַר אַלעמען.

אַלטער בעטלער

מיר דאַרפן דאָ נאָר א י ב ע ר נ ע כ ט י ק ן, ניט מער,
און מיטן טאָג גלייך ווייטער לאָזן זיך ;
מיר זיינען מיד. נאָך מערער - ער.
נאָך יונג און ניט געוווינט צום וועג,
דערצו נאָך זיינע פיס — —

זיי נעמען אַרונטער די טאָרבעס פון זיך און נעמען זיך אויסזעצן

הויכער

איך זע טאַקע, ער הינקט.

אַלטער בעטלער

עס האָבן וווּנדן זיך אויף זיינע פיס
פון לאַנגן גיין אַרויסגעשלאָגן.
ער וואָלט באַדאַרפט זיך אויסרוען. —
ווי קאָן מען עס ? ניטאָ קיין צייט פאַר דעם.

הויכער

איר ציילט אין ערגעץ ?

אַלטער בעטלער

ניין, מיר איילן ניט.
אַהערצו האָבן מיר געיילט. די לעצטע טעג

אָן אָפּרו טאָג און נאַכט געגאַנגען זיינען מיר.
פון דאַנען אָבער וועלן מיר ניט איילן שוין. .

הויכער

איר דאַרפט עפּעס אין פּראָג ?

אַלטער בעטלער

מיר דאַרפן. . . יאָ, מיר דאַרפן. . .
וואָס הערט מען עפּעס דאָ ביי אייך אין פּראָג ?

הויכער

ניט פריילעך, זיידע, גאָר ניט פריילעך.

אַלטער בעטלער

אַזוי ? ניט פריילעך ?

שטיל. דער יונגער בעטלער זעצט זיך אויף דער ערד, הויבט אָן פאַנאַנדערבינדן די ווונדן פון זייגע פיס. וויקלט שמאַטעס נאָך שמאַטעס און פאַרוויקלט צוריק

האָרבאַטער

ער זעט ניט אויס גאָר ווי קיין בעטלער, יידן.
אַזאַ איידל פּנים —

הויכער

איר קומט פון ווייט אַ פּנים, זיידע ?

אַלטער בעטלער

פון זייער, זייער ווייט. און דאָ איז נאַכט שוין.
מיר גייען, ערשט אַנטקעגן אונז דער שלאָס,
מיר זעען פּוסטע פענצטער, פּוסטע טירן,
איז טראַכטן מיר, מען קאָן אַהער אַריינגיין. . .
נו, היינט שוין וועלן מיר די גאַנצע נאַכט
זיך אויסשלאָפן און אויסרוען. . .

יונגער בעטלער

אַזוי מיד בין איך, אַזוי מיד

אַלטער בעטלער

ווייזט אויף תנחומען

וואָס זיצט ער עפּעס ווי אַן אָבל ?

הויכער

אַ ביסל פונם זינען, זיידע.

אַלע קוקן ווי דער יונגער וויקלט די ווונדן פון זיינע פיס

יונגער בעטלער

זיי שלאָגן זיך אַלץ מער פאַנאַנדער, פּלאַצן,
זיי גרייכן שוין די קני... ווי מיד איך בין.
די אויגן מיינע קלעפּן זיך...

פאַלט צו צו דער ערד און שלאָפט

אַלטער בעטלער

לייגט אונטער אַ טאָרבע אונטערן יונגנס קאָפּ

נו שלאָף, נו שלאָף...

תנחום

שפרינגט אויף

עס קומען אורחים איבערשלאָפן דאָ,
און מיך גאָר פרעגט מען ניט ;
דערווייל בין איך דער בעל־הבית...

רויטער

זיי שטיל. דו זעסט ניט, אַז מען שלאָפט.

תנחום

ער שלאָפט ? ווי קומט ער שלאָפן ? וואָס דאַרף ער.
פאַנאַנדערריסן זאָל ער זיינע אויגן !

אַהערצו קומט מען וואַכיק זיין,
ציטערן,
פיבערן,
לויערן... —
טויטע דאַרפן אויפשטיין
און ער — גאָר שלאָפן!

רויטער

פאַרמאַך דאָס מויל, משוגענער.

טוט אים אַ שטויס, תנחום פאַלט אנידער

אלטער בעטלער

ניט שלאָגט אים, יידן.

רויטער

מען קאָן פון אים ניט אויסהאַלטן, איך זאָג אייך.
ס'איז אָן אים אויך גענוג דאָ צרות.

תנחום

ליגט און שרייט

טויטע דאַרפן אויפשטיין,
און ער — זאָל שלאָפן? — —

מהר"ל

קומט אַריין אַ אײַלנדיקער, קוקט מיט בייזע שטרענגע אויגן

אַלע

פאַרוווּנדערט

דער רב! דער רב!

מהר"ל

קוקט אויפן אַלטן, דער אַלטער אויף אים. אַ לאַנג שטילשווייגן

מהר"ל

צו די פרעמדע בעטלער

וואָס טוט איר דאָ? וואָס טוט איר ביידע דאָ?
ווער האָט נאָך אייך געשיקט?
און ווער האָט אייך געהייסן קומען?

אַלטער בעטלער

נאָר איבערנעכטיקן, פון לאַנגן וועג נאָר איבערנעכטיקן.

מהר"ל

אַליין געקומען? אַליין גאָר קומען?
פאַרנעמט אויף שנעל די פעקלעך אייערע
און וועק אים אויף און — גייט,
איך הייס.

אַלטער בעטלער

מיר זיינען מיד פון לאַנגן וועג.
מיר האָבן זיך אַזוי געיילט —

מהר"ל

געיילט?
טאָ איילט אויף שנעל צוריק. איך הייס.

אַלטער בעטלער

ער שלאָפט אַזוי געשמאַק. ניט וועק אים.

מהר"ל

איז מער קיין חורבות שוין ניטאָ?
נאָר דאָ געפעלט אייך? וועק אים אויף.

קלאַפּט מיטן שטעקן

אַליין גאָר קומען. אַליין גאָר איילן!

גולם קומט אַריין. ווי דער אַלטער דערזעט אים ווערט ער גאָר אַן אַנדערער. ער ווערט בלייך, הויבט אָן ציטערן, נעמט אויף שנעל וועקן דעם יונגן בעטלער

אַלטער בעטלער

שטיי אויף, שטיי אויף, אָ גיכער!
מיר מוזן גיין, מיר מוזן גיין.

נעמט אויפקלייבן זיינע זאַכן

יונגער בעטלער

פאַרשלאָפן

אָ, נאָך אַ ביסל שלאָפן, נאָך איין ביסל.

דערזעט דעם גולם און נעמט אויך ציטערן און איילן זיך

קום שנעל אַוועקגיין. שנעל.

זיי כאַפּן אַרויף אויף זיך די זאַכן און לויפן אַרויס אין איילעניש. גולם טוט זיך אַ לאָז נאָך זיי, וויל נאָכלויפן

מהר"ל

וווהין?

צו די יידן

טאַדעוש גייט אַהער, זייט וויסן.

אַלע טומלען פון שרעק

גולם

מיט זיי. איך וויל צו זיי.

מהר"ל

זיי דאָ. איך הייס דיר. ז י י ע ר צייט
איז ניט געקומען. איצט איז ד י י ן צייט.

אַלע בעטלער

וואָס וויל ער טאָן טאַדעוש?

מהר"ל

אַרויסטרייבן פון דאַנען וויל ער אייך.
דער פינפער=טורעם איז ניט אונזערער.

אַלע כאַפּן אויפבינדן זייערע טאָרבעס. דער חולה און תנחום בלייבן ווי פריער

מהר״ל

שטילערהייט צום גולם

וועסט וויסן וואָס דו האָסט צו טאָן?

גולם

כ׳וועל וויסן, רבי.

מהר״ל

נאָר ניט אויף טויט.

גולם

כ׳וועל וויסן, רבי.

מהר״ל

דער אינו נראה וואָס אין דיר זאָל אויפשטיין...
איצט גיי אַריין און וואַרט.

גולם גייט אריין צוריק אויף זיין פריערדיקן פלאַץ. מהר״ל גייט ארויס. די בעטלער, פאַרטאָן אין זייער שרעק און אויפקלייבן די טאָרבעס, האָבן גאָרנישט באַמערקט. עס קומען אריין טאַדעוש מיט זיין באַגלייטער, א מאָנאַך

טאַדעוש

דו קוקסט זיי אָן די כּלומרשטיקע בעטלער,
זיי זיינען רייכער, גלויב מיר, פון אונז ביידן;
דו זעסט דעם האָרב, דער האָרב איז אַ געפּעלשטער —
צונויפגעקנוילטע שמאַטעס.

מאָנאַך

איז ער אַ קינסטלער, דער האָרבאַטער, אויב אַזוי.

טאַדעוש

און דער, דער בלינדער, איז קיין בלינדער ניט,
מיר קענען זיי, די צוגעמאַכטע אויגן...

מאָנאַך

ווייזט אָן אויפן קרומען

דאָס קאָנסטו, פאַטער, שוין ניט חושד זיין אויף אים...
זיין קלעצל שטעקט אַרויס גאַנץ אָפן.

טאַדעוש

גלויב אים ניט,
אַפילו דו זאָלסט אָנטאַפּן דאָס האַלץ.
אַזוינע קאָנען אָפּשניידן אַ פּוס
און האַלטן אים באַהאַלטן אין אַ טאָרבע,
און ווען מען דאַרף אים צושטעלן צוריק...
זיי לעבן זיך ווי באַלעבאַטים דאָ,
אַזוי ווי זייערער דער טורעם וואָלט געווען;
די ווענט — פאַרשמירט, מיט נעגל אָנגעזעצט,
די לופט פאַרכאַפּט דעם אָטעם צו דערשטיקן.
און דאָ האָט עס אַמאָל געגלאַנצט דער רום
פון אונזערע גבורים, אַדל-לייט און פירשטן;
אויף די פאַרלייזיקטע צעשרויפטע דילן
געטראָטן האָבן קעניגלעכע פיס;
דו זעסט ניט, ווי עס שרייען פון די ווענט
די אָפּגעריבענע, פאַרשפּייטע מאָלערייען.
און דאָ אין ווינקל, זעסט, נאָך הענגען קייטלעך
פון הייליקע לאַמפּאַדעס. דורך דעם שיין פון זיי
אַרויסגעקוקט מיט ליבשאַפט האָבן ז י י ע רע אויגן,
געוויינט מיט טרויער האָט זיין דאָרן-קראַנץ,
וואָס זיי, די נישט געצלמטע, די שווייגנדיקע,
אַרויפגעשטאָכן האָבן אויף זיין שטערן;
צו נישט איז אַלץ געוואָרן, ער — פאַרטריבן,
דער בוימל אויסגעלאָשן, נאָר די קייטלעך באָמבלען זיך
צום חוזק נאָר... און — טאָרבעס, טאָרבעס!..

צו די אָרעמע לייט

וואָס גלאָצט איר מיט די אויגן און איר זאָגט קיין וואָרט?
איר לעבט צווישן אונז פאַרביטערט און דערצאָרנט,
און טראָגט דעם צאָרן אייערן, ווי ער — דעם האָרב.
צי האָבן מיר אייך ווייניק נאָך געפּייניקט,
געפּרענט, געטרודפּט און געפירט אייך צו דער שחיטה?
מיר זיינען מיד שוין לאַנג פון אונזער האַס צו אייך,

פון אונזער ברענענדער רציחה, און וואָס מער
איר וואַרפט זיך אין די אויגן אונז מיט אייער האַרטקייט,
מיט אייערע פאַרביסענע פאַרשטייפטע ליפּן,
אַלץ מער צעשטערט איר אונזער טרוים נאָך רו,
אַלץ מער צעפלאַקערט איר אין אונז דעם האַס.
קיין שלום וועלן מיר מיט אייך ניט מאַכן,
ווייל אונזער בייזער חלום זיינט איר, אונזער שרעק;
מיר קאָנען ניט אַרומגיין אויף איין ערד מיט אייך,
באַלויכטן פון איין זון און אָטעמען איין לופט.
די לופט, וואָס איי׳רע לונגען אָטמען איין,
פאַרוואַנדלט זיך אין סם פאַר אונזער האַרץ;
און אונזער האַרץ וויל ר ו א ו ן פ ר י ד ן,
וויל אָ פּ ר ו ע ן פין אייך, דערלייזן זיך פון אייך...
איר ליגט אויף אונזער קאָפּ, אויף אונזערע געוויסנס,
ווי שוואַרצע שפּינען, איינגעפלאָכטענע אין קנוילן,
און שפּינט און שפּינט די נעצן פון קאָשמאַר...
מיר האָבן אייך גערודפט; ווייניק נאָך — מיר וועלן מער!
מיר וועלן אונזער בענקעניש נאָך רו און פרידן,
נאָך גוטס און ליבשאַפט שטילן נ אָ ר אין אייער בלוט,
אין טאַנץ אַרום דעם פלאַם פון שייטערהויפנס...
מיר וועלן צינדן שייטערהויפנס מער און מער,
ביז וואַנען איר וועט אונז פון אייך דערלייזן!
מיר טראַכטן, זאָגט איר, אויס אויף אייך בלבולים,
און איר — איר טוט נאָר און פאַרענטפערט זיך
און האַלט אין איין דערווייזן, אַז ס׳איז ליגן, —
וואָס האָט איר ניט קיין מוט אַרויסגיין אָפן
פאַר אַלעמען, אין אַלע גאַסן שטאָלץ און ווירדיק,
און זאָגן: יאָ, מיר טרינקען בלוט אויף פּסח,
מיר האָבן אַלע מאָל געטרונקען, וועלן טרינקען!..
מיר ברענען אייך אומזיסט אויף שייטערהויפנס,
וואָס גייט איר צו זיין פייער ווי צום טאַנץ?
וואָס מאַכט איר ניט קיין איבערפאַל אויף אונז,

ווי מיר אויף אייך, מיט פּאַקעלן און העק ? --
און איצט, אין דער מינוט איך רעד צו אייך,
וואָס הערט איר מיינע רייד און ענטפערט ניט ?
זאָל איינער זיך אַרויסווייזן מיט מוט,
אַרויסטרעטן, אַרויסכאַפּן מיין שטעקן
און געבן מיר אַ זעץ אין קאָפּ ! — איר שווייגט,
איר וואַרט שוין איך זאָל אויסשרייען : אַרויס ;
אָ, אייביק, אייביק זייט איר גרייט צו גיין —
טאָ גייט !..

אַלע בעטלער גייען אַרויס שווייגנדיקע מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס. דער קראַנקער און תּנחום בלייבן צום לעצט, זיי שפּרינגען אויך אויף און לויפן אַרויס, ווי מען לויפט פון אַ פייער

טאַדעוש

אַזוינע הינט. מען הייסט זיי — גייען זיי, און שוין.

דערשראָקן

דו הערסט ניט ? טריט.
איז עמעצער געבליבן נאָך פון זיי ?

מאָנאַך

ניטאָ דאָ קיינער, פּאָטער הייליקער.

טאַדעוש

קוקט אַריין אין צווייטן הדר

ניטאָ. נאָר הערסטו ניט ווי עמעץ גייט דאָ אום ?

מאָנאַך

עס דאַכט זיך אונז.

טאַדעוש

איך הער דאָך טריט. וואָס טוט זיך דאָ ?
און עפּעס וויגט די לופט זיך אום.

מאָנאַך

מיר בויגן זיך די קני.

טאַדעוש

אָ יעזוס הייליקער, באַשיץ אונז.

זיי צלמען זיך

די לופט אַרום הויבט אָן צו פייפן, דרייען זיך, ווי אַ שטורם־ווינט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט געפּאַכעט מיט לאַנגע פייכטע ריטער. טריט פון ריזיקע ניט געזעענע פיס הויבן אָן אַרומצושפּאַנען. אויף די קעפּ פון טאַדעוש און מאָנאַך נעמען פאַלן מוראדיקע קלעפּ, איינע נאָך איינע. זיי דרייען זיך אום אין ווילדן שרעק, בויגן זיך צו דער ערד, לויפן צו די טירן, און וווּ זיי לויפן פאַרפעלן זיי ניט די קלעפּ פון די ניט געזעענע הענט

טאַדעוש

ניט־גוטע זייבען דאָ, ניט־גוטע. קום אַנטלויפן.

נאָר ביי אַלע טירן ווערן זיי פאַרהאַלטן, אָפּגעוואָרפן אויף צוריק, און די קלעפּ אויף זייערע קעפּ הערן ניט אויף. פון זייערע נעזער הויבט אָן צו פליסן בלוט־ זיי פאַלן צו דר'ערד, קרעכצנדיק פון ווייטאָק און שרעק. זיי ווערן מיט אַמאָל אויפגעהויבן אין דער לופטן און ווערן אַרויסגעשטויסן דורך די פענסטער. עס הערט זיך פון יענער זייט שלאָס ווי זיי פאַלן אַרונטער מיט אַ קלאַפּ צו דער ערד. עס ווערט שטיל. דאָס ציטעריקע לעמפל הויבט ווידער אָן רויק צו ברענען. פונם זייטיקן צימער שפּאַנט אַריין דער גולם. ער פיבערט פון אויפרעגונג. זיין פּנים בלייך, זיינע אויגן טיף טיף אַנגעצונדענע. ער אָטעמט שווער מיט ברייט צעעפנטע נאָזלעכער. ער פאַלט צו צו אַ וואַנט און שטייט מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ

גולם

ווו ביסטו, רבי? ווו ביסטו?

מהר"ל

איילט אַריין

כ'בין דאָ, כ'בין דאָ.

גולם

אָ, רבי, רבי.

מהר"ל

רעד, איך הער

גולם

ביט גיי אַוועק פון מיר. אָ, נעם מיך פאַר אַ האַנט.

מהר"ל

וואָס איז דיר?

גולם

פינסטער, פינסטער, רבי.
ביט גיי אַוועק פון דאַנען.

מהר"ל

איך מוז אַוועקגיין. לייג זיך שלאָפן איצט.

גולם

אָ, גיי ניט, גיי ניט.

מהר"ל

וועסט דאַרפן פיל נאָך אויפשטאָן. לייג זיך.

גייט אַרויס

גולם

אָ, רבי, זיי מיט מיר, מיט מיר.

קוקט זיך אום

אַוועקגעגאַנגען.
פאַרוואָס איז שטיל געוואָרן מיט אַמאָל?
אַ פינסטערניש. אַ פינסטערניש... וווּ ביסטו, רבי?

ציט זיך אויס אויף דער ערד און רופט

וווּ ביסטו, רבי? פינסטער, פינסטער...

נישט געררופענע

אַ פֿעלד הינטער פּראָג. נאַכט. שטיקער וואָלקן שווימען אום. דער אַלטער בעטלער און דער יונגער בעטלער זיצן ביים וועג, וואָס פירט אין דער ווייטקייט אַריין

יונגער בעטלער

קיינער וויל מיך ניט דערהערן,
איך בין פרעמד און ניט דערקענט;
קראַנק, ווי מיינע פיס, אויך ווערן
מײַנע אויסגעשטרעקטע הענט.

פינסטער, קאַלט מיט טויטע טרערן
איילט דער מאָרגנדיקער טאָג;
קיינער וועט דעם וועג אים שטערן
פריי אַריינצוגיין אין פראָג.

מיר גייט קיינער ניט אַנטקעגן,
ניט מיט פרייד און ניט מיט קלאָג; —
נאַכט איז שוין אויף אַלע וועגן,
צו די טויערן פון פראָג.

אַלטער בעטלער

שווייגט

יונגער בעטלער

זיינען זעקס מעת-לעת אַריבער,
היינט דער זיבעטער מעת-לעת;
אַלע אין געשפאַנטן פיבער
וואַרטן אויף דעם גולמס נס.

פון דעם מאַן, וואָס טראָגט דעם צלם,
צו דעם בעטלער מיטן זאַק,
קומט דער אויסלייזער, דער גולם,
מיט אַ פויסט און מיט אַ האַק.

אַלטער בעטלער

רעד ניט, זון מיינס, אַזוי ביטער,
אַזוי מוז מסתמא זיין,
גאָט באַשיצער, גאָט באַהיטער,
לייג זיך אָפּרוען, שלאָף איין.

יונגער בעטלער

קום פון דאַנען, קום אַנטלויפן,
זע, עס ציט זיך שוין דער רויך
פון די פּראָגער שייטערהויפן
צו דער אָוונטיקער הויך.

העלפן קאָן איך ניט דעם קרבן,
אויך ניט — גיין מיט אים צום טויט;
אָט דער קרבן איז געשטאָרבן,
און דער שייטער־פלאַם פאַרגייט. . .

אַלטער בעטלער

וועלכער קרבן? איינע שרעקן
נאָר דו טוסט און מאָלסט זיך אויס!
פרילינג־ווינט פון אַלע עקן,
די לבנה שווימט אַרויס.

יונגער בעטלער

אַך, צי הערסטו ניט פון דאַנען
אַ דערוואָרגענעם געשריי?
און אַ חייל מיט פאָרזיכט שפּאַנען
פיס נאָך פיס, דאָס זיינען ז י י.

אַלטער בעטלער

וועמענס פּיס ?

יונגער בעטלער

די פּיס פון שונאים,
עפּעס גרייטן זיי אין הייל;
אַ פאַרשטעלטער קרומער פּנים
שרייט פון וויטן: ניט דערציייל...

אַך, פאַרמאַך מיר מיינע אויגן
און מאַך שטום מיין צונג אין מויל,
איבער מיר האָט זיך פאַרצויגן
ערב־פּכחדיקער גרויל...

אַלטער בעטלער

לייג זיך צו און ווער אַנטשלאָפן,
דאָס איז אונזער לעצטע נאַכט;
זעסט, אַ שיין איז דורכגעלאָפן,
דיר דערלייכטערונג געבראַכט.

אָט דער שיין איז דיינער אייביק,
ער באַגלייט דיך טראָט נאָך טראָט,
ווייל, ער וויים, דיין האַרץ איז גלויביק,
אויסדערוויילט פון גרויסן גאָט.

דיין פאַרצווייפלונג קומט פון טרויער,
און דיין ליבשאַפט איז דיין פּיין;
ווייל דיין אומגעדולד איז דויער,
און דיין פינסטערניש איז שיין.

קיינער, קיינער איז ניט שולדיק,
וואָס מיר זיצן אָן דער זייט,

אַז מיר זײַנען ניט געדולדיק
און געקומען פֿאַר דער צײַט...

זיצן בײדע און שװײַגן

אַלטער בעטלער

װער אנטשלאָפֿן. דײַן צוקאָפּן
זאָלן זײַן דיר מײַנע קני,
ביז פֿון טוי די ערשטע טראָפּן
װעלן אויפֿגײין אין דער פֿרי.

אין דער שטילקײט װעל איך היטן,
היטן דײַן פֿאַרװאָגלט שלאָף;
װיפֿיל דו האָסט נאָר געליטן,
איז דאָס אַלץ נאָך ניט קײן שטראָף.

ניט קײן שטראָף, נאָר אַ פֿאַרבאָרגן,
אַ געהײמניספֿול באַרוף;
אויב ניט מאָרגן, איבערמאָרגן —
קומען װעט אַמאָל דער רוף...

יונגער בעטלער

רעד ניט, רעד ניט. קום װאָס שנעלער,
נעם אין מדבר מיך צוריק;
װאָס די נאַכט װערט שטילער, העלער,
אַלץ דערשראָקענער מײַן בליק.

הענט נאָך הענט, איך זע, פֿאַרבראָכן,
אויגן פֿלאַצן, רינען אויס,
אָפּגעהאַקטע קעפּ און קנאָכן,
פֿלאַם און רויך אין יעדער הויז.

בײַ די טירן פֿון די הײַזער
שטײען צװײ און קוקן צו

אויף די זייגערס, ווי די ווייזער
קריכן, קריכן — איך און דו.

אַלע העלזער אויסגעשניטן,
אין געמיש פון אַש און בלוט
שטייען מיר און היטן, היטן,
ניט פאַרפעלן אַ מינוט...

ווייל מיר זיינען שטומע עדות
פון סכנות, מאָרד און טויט,
שטומע עדות, בלינדע סודות
אין דער פינסטערניש צעשפּרייט...

פאַלט צו צו די קני פונם אַלטן בעטלער

זיי מיר מוחל, וואָס איך רייס
מיינע וווּנדן ריס נאָך ריס;
זיי מיר מוחל, וואָס איך בייס
מיינע ליפּן ביס נאָך ביס.

זיי מיר מוחל, וואָס איך וואַרט
אויף דערפרייענדיקע רייד;
זיך אַליין גענאַרט, פאַרנאַרט
מיט פאַרגייענדיקער פרייד...

לאַנג שטילשווייגן

יונגער בעטלער

ליגנדיק מיטן קאָפּ ארונטערגעזונקען

וויג זיך, וויג זיך
אויף מיין קייט,
אַלטע, בלינדע
אייביקייט.

רינגען, רינגען, —
מיינע טריט

דרייט צוזאַמען
און פאַרציט.

פון צעטומלטן
געלויף
שעהן, רגעס, —
קלייבט זיך אויף.
וויגט, פאַרשלעפערט
זיך צום טויט
אויף די רינגען
פון מיין קייט.

איך אַליין,
פאַרשטעלטערהייט,
וויג זיך, וויג זיך
אויף דער קייט.

שלאָפט איין. דער אַלטער זיצט איבער אים און וואַכט. הויבט אויך אָן איינצו-
דרעמלען. מהר״ל קומט אָן איילנדיק, אומגעדולדיק. ציטערט פון אויפרעגונג

מהר״ל

איר זיינט נאָך דאָ? איז ווייניק
אייך איינמאָל צו באַפעלן.

אַלטער בעטלער

כאַפּט זיך אויף פון דרעמל, דערשראָקן

ניט בייזער זיך. די לעצטע נאַכט
מיר שלאָפן דאָ נאָר איבער.

מהר״ל

קיין איינציק רגע, זאָג איך דיר,
קיין איינציק רגע מער.

אַלטער בעטלער

דער וועג איז לאַנג און פינסטער.

מהר"ל

דערצייל מיר ניט פון פינסטערניש
און וועק ניט קיין רחמנות אין מיין האַרץ;
ביי וועמען בעטסטו רחמים און פאַר וועמען?
פאַר אים? באַנוגן זיך, וואָס איך
דערשטיק אין זיך מיין אייגענעם געוויין,
און שטאַרק זיך ניט צו אונטערברעכן מיינע קני,
און פאַל ניט צו צו אים און בעט ניט: האָב רחמנות...
אַז ווי וואָלט זיין צו מיר און אים,
ווען איך פאַרטרייב פון זיך מיין האַרטקייט
און עפן אויף מיין האַרץ פאַר רחמים...
דערצייל מיר ניט פון פינסטערניש... צו וואָס האָסטו
געדאַרפט נאָך אים אַהערצו ברענגען,
צום אנגעזיכט פון טויט און פון סכנה?
וואָס קאָן ער טאָן פאַר אונז? וואָס זאָל ער טאָן?
צי האָט די וועלט שוין אויסגעלאָזט אויף אונז
איר גאַנצע רשעות, אַלע שטראָפן?
צי איז שוין יעדערער פון אונז פון לאַנד ביז לאַנד
געלעגן מיטן האַלז אַנטקעגן חלף?
צי האָט ער שוין דערהערט דעם לעצטן שאַרף,
דערזען דעם לעצטן הויב פון שווערד?
פון וואַנען האָט ער עס געקאָנט דערזען, דערהערן, —
אַז אָט איז דאָך מיין האַלז נאָך ניט דערקוילעט
אַז אָט איז דאָך מיין גוף נאָך ניט פאַרברענט!

אַלטער בעטלער

אָ, לוי, לוי.

מהר"ל

נעם אים צו, אַנטלויף.
מיט אונזער פחד סם אים ניט דאָס האַרץ.
פון וואַנען זאָלן מיר אַרויסגיין אים אַנטקעגן,

אַז אַלע וועגן זיינען פול מיט הרוגים...
און אַלע טרעטן אויפן שאַרף פון שפּיזן ?
און ווער זאָל זינגען אים אַ לויב —
דעם קרבנס ניט דערשחטן האַלז ?
און ווער זאָל עפענען פאַר אים די טירן ? —
די בלוט פאַרשמירטע הענט פונם רוצח ?
און ווער זאָל לויכטן איבער אים און שיינען ? —
דער פייער פלאַם פון אָנגעצונדענע פאַרמעגנס ?..
ער מוז אַוועק. ער טאָר זיך ניט געפינען
אין אונזער גבול. — צי קאָן ער זיינע פינגער
צונויפקלאַמערן אין פויסטן אייזערנע,
און שלאָגן מיט רציחה איבער קעפּ ?
צי קאָן ער גאָר דעם גרויל פון בלוט פאַרליידן,
און אויך פאַרגיסן ? אויפצומאָנען צאָן פאַר צאָן
און אויג פאַר אויג, און קאָפּ פאַר קאָפּ ?..
צי קאָנען זיינע הענט די אויסגעצערטלטע
זיך לאָזן גראַבלען אינם שמוץ פון גריבער
און זוכן אברים, אַש פון ביינער ?
ער קאָן ניט; אויב ער וויל עס קאָנען —
וויל איך ניט; ער דאַרף זיין דער לעצטער...
און וויי וועט זיין צו אים, אויב ער וויל קומען
זיך איינשטעלן פאַר אונז מיט גוואַלט.

אַלטער בעטלער

מיר זיינען דאָך אַ קוק טאָן נאָר געקומען,
זיין האַרץ האָט זיך פאַרבענקט נאָך אייך.

מהר״ל

דערשטיקן זאָל ער טיף זיין בענקעניש..
איך האָב אַ צווייטן אונטער מיין רשות,
דער איינציקער, וואָס מעג זיין פינסטער,
וואָס מעג פאַרגיסן בלוט פאַר בלוט..

קיין אַנדערן באַשטראָפער איז ניט ווערט די וועלט,
און מיר דערוויל – קיין אַנדערן באַשיצער...

אַלטער בעטלער

וועקט דעם יונגן

שטיי אויף, מיר מוזן גיין.

יונגער בעטלער

שטעלט זיך אויף

ביסט ווידער אונז געקומען טרייבן?

מהר"ל

שווייגט

יונגער בעטלער

פאַרוואָס פאַרפאָלגסטו אונז?

מהר"ל

איך מוז.

יונגער בעטלער

וואָס לאָזסטו מיר די נאַכט ניט איבערשלאָפן?

מהר"ל

אַ בלוט־נאַכט איז די נאַכט.

יונגער בעטלער

די אויגן מיינע גאַרן זען די רויטע נאַכט.

מהר"ל

זיי זאָלן בעסער בלינד ווערן.

יונגער בעטלער

מיין אויער בענקט נאָך הילפלאָזע יללות.

מהר"ל

זאָל בעסער טויב ווערן דיין אויער.

יונגער בעטלער

די ליפּן מיינע בענקען נאָכצוזאָגן
דעם וידוי מיטן שטאַרבנדיקן.

מהר"ל

זיי זאָלן בעסער שטום ווערן.

יונגער בעטלער

קיין וואַרעמערע ווערטער האָסטו נישט פאַר מיר?

מהר"ל

שווייגט

יונגער בעטלער

דו רעדסט צו מיר מיט האַרטער שטרענגקייט,
איך נעם עס אָן פאַר ליב. איך בין געקומען
אַליין, נישט וואַרטנדיק אויף קיינעמס רוף;
מיר האָט זיך דורכגיין דורך דער וועלט געוואָלט,
אַליין פון מיינע טריט דעם אָפּקלאַנג הערן;
און אפשר, אפשר — האָט זיך מיר געהאָפט, —
דעם אָפּקלאַנג וועט אַ יעדערער דערהערן;
איך האָב זיך אין אַזוי פיל אויגן איינגעקוקט,
אַזוי פיל טריט געזען אויף אַלע וועגן,
נאָר אַלע אויגן האָבן ערגעץ אַנדערש-ווו געקוקט;
געבליבן זיינען מיינע בליקן הענגען אין דער לופט,
און אויך די טריט פון מיינע פיס...
און איצטער וויל איך נישט קיין זאַך, — נאָר רוען,
אַוועקנעמען די אויגן מיינע פון דער וועלט,
באַהאַלטן זיי צוריק אין זיך, ווי אַלע מאָל,

און וויגן זיך אויף מיין פאַרוויגטער אומרו...
ווער ווייס, כ׳האָב אפשר איין מינוט פאַרשפּעטיקט,
און אפשר גאָר אויף איין מינוט זיך צוגעיילט...
ווער ווייס? — אַז איך בין גאָר אַליין געקומען,
אַזוי זיך דורכגיין דורך דער וועלט געוואָלט...
צי קאָן די וועלט דערפאַר זיין שולדיק?
איז זי דערפאר מחויב אָפּצושטעלן
די מאָרדן אַלע, אַלע פיינטשאַפטן,
און אויפהערן דעם פעלקער־און דעם ברודער־קריג? —
אַז איך בין גאָר אַליין געקומען,
אַזוי זיך דורכגיין דורך דער וועלט געוואָלט...
איך גיי אַוועק, שוין אָפּשלאָפן וועל איך אין מדבר
פאַר אַלע נישט דער־שלאָפענע געיאָגטע נעכט,
און — פריד צו דיר און יעדערן פון אייך...

אָפּ צוזאַמען מיטן אַלטן

מהר״ל

גיט זיך אַ ריס מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו די אַוועקגייענדיקע.
בלייבט שטיין אָראָפּגעבויגן איבער זיין שטעקן

ניט מיט כבוד,
ווי אים פּאַסט,
אויפגענומען
אונזער גאַסט.

מיט קיין דאַך אים
ניט דערפרייט,
ניט מיט וואַסער,
ניט מיט ברויט.

ניט פאַרוויקלט
אים זיין וווּנד;
ניט געבענטשט אים:
גיי געזונט.

יאָגט ער ווייטער,
זיינע טריט
אומצוקערן
טאָר איך ניט. . .

ווייט און ווייטער,
שפּאַן נאָך שפּאַן —
אַ פאַרשטעלטער
אָרעמאַן.

זיינע ליפּן —
צוגעמאַכט ;
איינע — טרויערט ;
איינע — לאַכט.

זיינע אויגן —
אויפגעברעמט ;
איינע — גליווערט,
איינע — קלעמט.

און זיין אויער —
קלאַנג נאָך קלאַנג ;
אַ געיאָמער,
אַ געזאַנג.

ניט צו זען מער
זיין געשטאַלט,
ניט פאַר יונג
און ניט פאַר אַלט. . .

שטייט אָנגעשפּאַרט איבערן שטעקן אין טיפן טרויער. דער הימל האָט זיך איינגאַנצן באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס. אַ שטאַרקער ווינט הייבט אָן בלאָזן. פאַר אַ שטורם-אויסברוך

מהר־ל

צוזאמענגעבראָכן

אָ, אָ,
זיי זיינען שוין נישטאָ...

ער לאָזט זיך גיין צום שטאָט-צו מיט אַן אָראָפּגעזונקענעם קאָפּ. דער ווינט רייסט זיינע קליידער

מהר"ל

נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ...

ווערט פאַרלאָרן אין דער פינסטערניש, עס ברעכט אויס אַ שטורם.

אנטפּלעקונגען

אין פינפער טורעם. דער גולם ליגט מיטן פנים ארונטער און שלאָפט. דער רעגן שמייסט אריין דורך די פענסטער. עס דער־הערט זיך אַן עכאָ פון אַ ווייטן ציטעריקן קול: „נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ“... דער גולם, ווי דער קול וואָלט אים פון שלאָף גערופן, הויבט זיך אָן ווארפן אין אלע זייטן, מורמלענדיק עפעס פארשטיקט אין זיך, בלייבט ווידער ליגן אומבאוועגלעך. ת נ ח ו ם, אַ דורכגעווייקטער פון רעגן, באווייזט זיך אין טיר, שטעקט אריין דעם קאָפּ, קומט אריין אויף די שפּיץ פינגער, טרייסלענדיק פון זיך דעם רעגן. ער באמערקט נישט דעם גולם

תנחום

פּחדנים!
ווילן מיך אין ערגעץ ניט אַריינלאָזן.
אַ שוועל איבערטרעטן;
פאַרמאַכטע טירן, פענסטער,
פאַרהאַקטע לאָדן; —
תנחום קלאַפּט און קיינער ענטפערט נישט;
פּחדנים, —
זיי מיינען, אַז איך זוך אַ נאַכטלעגער.

לאַכט, צושטעלנדיק די הענט צום מויל

אויסגעשטאָרבן אַלע.
זיי מיינען, אַז איך ווייס ניט.
צי האָב איך ניט געקלאַפּט אין יעדן הויז,
ניט אויסגעשפּרייזט די גאַסן ביז דער לעצטער,
געקלאַפּט אין אַלע לאָדן און גערופן:
— קומט מקבל פּנים זיין!..
אויסגעשטאָרבן פּראָג,

מיר ניט, דיר ניט, פּלוצלינג,
אויסגעשטאָרבן פּראָג...

א דונער

זאָל איך גיין שוין איבערטאָן זיך יום=טובדיק,
און וואַרטן ?
יאָ, איך מעג זיך זעצן אָפּרוען, —
דערווײַלע וועלן צוגעקליבן אַלע חורבות,
אויפגערױמט און אויסגעפּוצט ;
אַזוי האָב איך באַפעלן :
פון אונטער די פאַרבאָרגענע באַהעלטענישן
דעקט אויף די צוגעדעקטע טישן, שטולן,
שליסט אויף די שראַנקען די געשניצטע,
און נעמט אַרויס די זילבערוואַרג און גאָלדוואַרג,
די כּוסות די געשליפענע,
די לייכטער זיבנרעריקע,
די טאַצן די געמאָלענע :
מאַכט אויף די קופערטן,
נעמט אַרויס די קישנס
און די קיטלען,
די אויסגענייטע מענטלעך,
און טראָגט עס אַלץ אַרויף צו מיר...
פאַרשפּרייט די טישן מיט די טישטוכער,
שטעלט אויס די כּוסות און די לייכטער,
שפּרייט אויס די היסב=בעט
אין גאָלע ווייסן...
די ליכט האָב איך געבראַכט מיט זיך, —
אָט זײַנען זיי...
און וויין וועט ער אַליין שוין ברענגען,
ער — מײַן לעצטער יורש ;
דעם רויטסטן און דעם שטראַלנדיקסטן,
דעם שפּיגלדיקסטן — שפּיגלדיקער נאָך פון בלוט ;

און ליכט האָב איך געבראַכט מיט זיך; —
אָט זײַנען זיי...

שלעפּט אַרויס פון בוזעם ליכט

צי האָב איך ניט פאַרגעסן צו באַפעלן עפּעס?
דאַכט זיך — אַלץ.
בײַ אַלע טירן שטייען שוין באַגלייטער,
אין שטורם און אין פינסטערניש,
שטייען זיי געטריי,
געדולדיקע און וואַכזאַמע,
זיי וועלן ניט פאַרהיטן די מינוט...
צי דאַרף איך קיין זאַך מער ניט איבערחזרן?
באַדינער מײַנע, האָרכט, איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל:
שפּרייט אויס די היסב־בעט אין גאָלע ווייסן,
אין ג אָ ל ע ווייסן...

צינדט אָן אַ ליכט, דערזעט דעם גולם, רוקט זיך צום טיר

דער זעלביקער,
דער אייבאונאייבציקער,
דער איבערגעבליבענער...
אַז אַלע יידן זײַנען אויסגעשטאָרבן,
אַז קיינער קומט ניט משמח זײַן זיך, —
איז ער געקומען...
אַ שלאָפנדיקער — וועט ער אויפשטיין באַלד
און זײַן אַן עדות,
אַן אייבאונאייבציקער...
ווײַל פּראָג איז אויסגעשטאָרבן
און אים אַליין געלאָזט דאָ שלאָפן,
אַן איבערגעבליבענעם,
אַן אייביקן,
אַן אייבאונאייבציקן...

היל נעמען אַרויסגיין צו די אַנדערע חדרים, ערשט דער גולם, ווי ער איז געלעגן, נעמט ווידער זיך באַוועגן, אַרויסלאָזנדיק אַ משונהדיקן יאָמער דורכן שלאָף, וואַרפט זיך אין אַנגסטן און מורמלט: „נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ"...

תנחום

וואָס נישטאָ ? ווער נישטאָ ?

גולם

וועקט זיך אויף. זעצט זיך

נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ.
אַוועקגעטריבן האָט ער זיי,
און — שטייט אַליין און טרויערט :
נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ. . .

תנחום

וויל ארויסלויפן. גולם שפרינגט אויף און פאַרצאַמט אים דעם וועג

גולם

אַנטלויף נישט. בלייב, מיר ווילט זיך רעדן.
אָט שטיי איך אויף, דו זעסט, אָט וואַקס איך אויס,
אָט נעמען זיך פאַנאַנדער מיינע פליגלען ;
אָט שטעל איך זיך אַוועק אַנטקעגן דיר
און טייל זיך פון מיין פינסטערניש אַרויס. . .
אָט שטרעק איך אויס די הענט צו דיר,
אָט צי איך זיי צוריק. . .
אָט פלעכטן זיך די פינגער מיינע אויף. . .
איך טאָר נישט רעדן, נאָר איך רעד. . .

תנחום

ווער ביסטו ?

גולם

דו ווייסט ניט ? דער פאַרזונקענער אין שלאָף,
דער פאַרזונקענער, וואָס האָט דערהערט דעם אויסגעשריי :
נישטאָ, נישטאָ. . .
דו ווילסט, וועל איך אַ וואָרף טאָן זיך צוריק,

באָך טיפער אין שלאָף,
באָך טיפער...

תנחום

זיי וואַכעדיק. איך וויל. איך האָב קיין מורא ניט.
און ווער דו ביסט — איך ווייס ניט.
אַז אַלע זיינען אויסגעשטאָרבן,
דאַרף איינער דאָך פאַרבלייבן...
זיי דו דער איינער.

גולם

איך בין, איך בין.

תנחום

און ווען דו וועסט אַן עדות דאַרפן זיין,
און — איינער אויף מיין שמחה, —
צי ווייסטו פון מיין קומענדיקער שמחה?
און אויב דו ווייסט ניט, וועסטו וויסן.
איך וועל מיט גוואַלט דיך ברענגען אויף מיין שמחה:
קיין קלעזמער וועלן דאָרט ניט זיין,
וועסטו דער קלעזמער זיין;
קיין טענצער האָב איך ניט פאַררופן,
וועסטו דער טענצער זיין;
צי קענסטו טאַנצן אויף אַ שמחה,
צי האָסטו ווען געקלאַפּט אין טאַצן,
געדרייט זיך אין אַ קאַרעהאָד?
צי ווייסטו ווי מען נעמט אַ חתן אויף,
און ווי מען רינגלט אים אַרום מיט ליכט,
צוקאָפּן און צופוסן — ליכט?...

טאַנצט אַ דריידל

איצט זעסטו, ווי מען טאַנצט?

פאַלט אַנידער אַ פאַרשווינדלטער

גולם

דו זעסט ניט ווער איך בין ? איך ווער אַן אַנדערער.
און — היט זיך, קוק ניט אויף מיין פּנים.
איך בין פאַרמשפּט דאָ צו ליגן —
איך וויל ניט מער.
מיך עקלט פון מיין לייב,
פון מיינע אויגן די פאַרגלעזערטע,
און פון מיין שטום־לשון דעם פינסטערן. . .
דורך טעג און נעכט איך וואַלגער מיך אַרום,
איז רייס איך מיך פון זיך אליין
אַהין — אין דער ווייטקייט אַריין. . .
די רגע איז געקומען, זע,
איך שטויס מיך אָפּ פון זיך אַליין
אַזוי ווי פון אַ וואָרים. . .

תנחום

ליגנדיק אויף דער ערד, האָט מורא אויפהייבן דעם קאָפּ

ווער ביסטו, זאָג, ווער ביסטו ?
דורך אַלע נעכט, אין טורעם דאָ פאַרבראַכטע,
האָט מיר די פינסטערניש אַנטפּלעקט
די טיפסטע סודות אירע —
ביסטו אויך איינער פון די סודות ?

גולם

איך בין דער סוד פון ליכטיקייט און ניט פון פינסטערניש,
ניט אַלע מאָל — נאָר איצט.
ניט קוק אויף מיר : וועסט גאָרנישט זען,
אַפילו זאָלסט פאַנאַנדעררייסן ביידע אויגן,
ווייל אַלע פינסטערנישן זיינען פאַר מיר אָפן,
און פאַר דיר — פאַרשלאָסן ;
און שטימען הער איך פון דער ווייטקייט,
און געזאַנגען,

און ציטעריקן אָטעם,
און פֿליגלדיקע טריט...
איך גיי אַוועק. — וווהין?
שפּרייזן אויף דער איבערפֿלאַך פון טייכן,
רוען אויף דער עפענונג פון אָפּגרונטן,
באָכגיין נאָך די טריט פון די פאַריאָגטע בעטלער...

תנחום

הייבט זיך אויף און וויל א קוק טאָן אויפן גולם און פאַלט צוריק אין טויט-שרעק

אַן אַנדערער, אַן אַנדערער און ניט דער זעלביקער.
אַ באַלויכטענער, אַ שטראַלנדיקער,
אַ ברענענדיקער פּנים.

גולם

ארום אים צעשטראַלט זיך א ליכטיקייט, די ליכטיקייט פונם א י נ ו - נ ר א ו

איך זאָג דאָך דיר — ניט קוק.
אַ צווייטן מאָל — דו הויבסט אויף דיינע אויגן
ביסטו טויט...
דיך שלאָגן אַנגסטן. זאָג איך דיר אַ צווייטן מאָל,
ס'איז ניט קיין חלום...
צי ווייסטו ניט, אַז איך בין אייביק
און ניט פון דאַנען...
און ניט דער קלעזמער אויף דיין שמחה,
און ניט דער טענצער,
און ניט דער עדות...
אָט קער איך זיך אַוועק פון דיר,
ווייל איך בין אייביק...

תנחום

געווען אַן איינאונאיינציקער,
אַן איבערגעבליבענער —
איז גייט ער אויך אַוועק.

דאַרף איך אַליין דער איינער זיין,
איך אַליין...
אליין — דער פּאַטער,
אַליין — דער קלעזמער,
אליין — דער טענצער,
אַליין — דער עדות,
אַליין — דער אבל...

גולם

איך גיי אַהין, ווו פעלדער שפּרייטן זיך,
וווהין עס איז נאָך ניט דערגאַנגען
דער טרויער-אויסגעשריי: „נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ"...
איך גיי צו מזרח-זייט,
און הער אַ קול פון מערב-זייט,
פון צפון און פון דרום...
איך גיי צו אַלע עקן פון דער וועלט,
ווייל אַלע רופן אין איין צייט,
און אַלע לויפן נאָך די טריט פוןביידע בעטלער
און רופן: קומט צוריק, צוריק, צוריק...

טוט אַ פלי דורך אַ טיר און פאַרשווינדט. תנחום שטייט מיט דער ליכט אין האַנט דורך די שויבן שמייסט דער רעגן. דער ווינט בלאָזט דעם פלאַם פון ליכט, תנחום טוליעט זיך צו אַ וואַנט, שיסט אַרויס אַ וואַנזיניקן געלעכטער

תנחום

אָפּגעגנאַרט תנחומען, אָפּגעגנאַרט תנחומען,
און תנחום האָט זיך נאַרן געלאָזט,
און ווער איז דער אָפּנאַרער? ווער?
אַ גולם האָט אָפּגעגנאַרט תנחומען...

פון ווייטע חדרים פון טורעם דערהערט זיך אַ פרויען-געוויין, און אַ רוף נאָך הילף: ראַטעוועט! ראַטעוועט! הילכט אָפּ איבער אַלע חורבות און ווערט איבערגעריסן

תנחום

ראַטעוועט. — ווער זאָל ראַטעווען?

דער רוף

א צווייטן מאָל

ראַטעוועט !

תנחום

ווער קאָן ראַטעווען ? ווער ?
ווער וויל ראַטעווען ? האַ ?
ווער דאַרף ראַטעווען ? ווער ?

לויפט אַרויס האַסטיק און פאַרשווינדט, פון די ווייטע חדרים לויפן אַריין די רביצין און דבורהל. קוים זיי אָטעמען, האַלטן איינע די אַנדערע זיי זאָלן ניט פאַלן פון שרעק

רביצין

ניט=גוטע האָבן אונז אַהער געטראָגן. ניט=גוטע.
איצט ווייסן מיר ניט ווי אַרויסצוגיין.
מיר זיינען פאַרפאַלן, טאָכטער מיינע, טאָכטער מיינע.

דבורהל

אַזוי פיל טירן, היילן, ווער זאָל וויסן ?

רביצין

איך פיל שוין ניט מיין קאָפּ אויף זיך,
אַזוי פיל מאָל אין וואַנט זיך אָפּגעשלאָגן. . .
און ווער איז שולדיק ? דו. אַזאַ שגעון.
אין מיטן נאַכט זיך לאָזן גיין אַהער. . .

דבורהל

אַז ווער זאָל וויסן.

רביצין

אַן איינפאַל פון אַ מענטשן, האָסט געהערט ?
אַהערצו גיין דעם זיידן זוכן.
וואָס קאָן דאָ אין די חורבות טאָן דער זיידע ?

ד ב ו ר ה ל

אַז ווער זאָל וויסן ? איצטער שרייסטו –
און דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, מען דאַרף אַ גיי טאָן.

ר ב י צ י ן

אַליין ? אודאי האָב איך דאָס געזאָגט. אַז אַלע
פּאַרהאַקט אַהינטער טיר און טויער זיצן.
שוין צוועלף דער זייגער און דער זיידע
איז נאָך נישטאָ פון מעריב אָן.

ד ב ו ר ה ל

דאָס גאַנצע קלייד צעריסן אין דער פינסטער...

ר ב י צ י ן

און איך האָב ביידע הענט צעשטאָכן.
אַזוינע נעגל פול און פיל. עס דונערט ווידער.

ד ב ו ר ה ל

וואָלט ע ר זיך אָפּגערופן כאָטש, ער שלאָפט דאָך דאָ.

ר ב י צ י ן

זיי שטיל. ניט רעד. מער פעלט אונז נישט...
אָ, גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב,
דערבאַרעם זיך אויף אונז, דערבאַרעם זיך.

ד ב ו ר ה ל

קום זוכן נאָכאַמאָל. עס מוז דאָך זיין
דאָ ערגעץ ווו אַ טיר אַרויסצוגיין.

ר ב י צ י ן

ווי האָבן מיר געקאָנט אַזוי פאַרבלאָנדזשען.
מיר זיינען נאָר וואָס דאָך אַריינגעגאַנגען...

גייען צו די פאַרשיידענע טירן, טאַפּן אין דער פינסטער, זוכן און קערן זיך אום צוריק

ר ב י צ י ן

אָ, וואָס זאָלן מיר טאָן, טאָכטער מיינע ?
אַזאַ אומגליק.

ד ב ו ר ה ל

באָבע, וויין ניט, וויין ניט.

וויינט אַליין

ר ב י צ י ן

וואָס שטייען מיר ? פּרוּוו נאָכאַמאָל אַ רוף טאָן.

ד ב ו ר ה ל

שרייט מיט וויינענדיקן קול

ראַטעוועט !

ר ב י צ י ן

אריה לוי ! אריה לוי !

ד ב ו ר ה ל

נישט שריי, נישט שריי.

ר ב י צ י ן

שאַ, מען ענטפערט, זאָגט זיך.

אַ ווייטער קול פון תנחום

ווער זאָל ראַטעווען ?
ווער קאָן ראַטעווען ?
ווער דאַרף ראַטעווען ?
ווער ? כאַ-כאַ-כאַ. . .

ביידע פרויען פאַלן צו איינע צו די אַנדערע, טוליען זיך אין אַ ווינקל מיט אָפּגעהאַלטענעם אָטעם

ר ב י צ י ן

לאָמיר שטיל זיין. לאָמיר בעטן גאָט.

דבורהל

עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ. איך פאַל באַלד.

רביצין

האַלט זיך אָן אָן מיר, טאָכטער מיינע, קינד מיינס...

עס איילט אַריין דער גולם מיט דעם אינו־נראה־שיין איבער אים, ביידע פרויען פאַרדעקן די געזיכטער מיט די הענט און טוען אַ געשריי פון שרעק

גולם

צו וואָס האָט איר אַזאַ געשריי געגעבן, אַז איך קום
אייך אויסלייזן, אייך ראַטעווען, אַרויספירן?
דער וויגט האָט מיר דערטראָגן אייער רוף נאָך הילף,
און פון דער ווייטער ווייט האָב איך דערזען אייך דאָ...
איין שפּאַן — און אַלע וועגן שפּרינגען מיר אַנטקעגן.
די פינסטערניש צעשפּרייט זיך אין אַ ליכטיקייט פאַר מיר,
און אַלץ צו וואָס איך ריר זיך צו ווערט דורכזיכטיק,
ווערט לויטער; מיינע הענט, ווען אויסגעשטרעקט, דערגרייכן
פון איין עק וועלט צום צווייטן...

ביידע פרויען

אָ, גיי אַוועק פון אונז.

גולם

אַוועקגיין? איך בין אייך געקומען אויסלייזן,
און איר האָט מורא גאָר פאַר מיר. וווהין זאָל איך אַוועקגיין?
און ווער וועט זיין דער אַנדערער, וואָס וועט אייך ראַטעווען?
איר מיינט, אודאי, ער, דער בעטלער, וועט נאָך קומען?..
איר האָפּט אומזיסט, איך זאָג אייך. איך אַליין
בין אויפגעשפּרונגען פון מיין שלאָף, דערהערנדיק
דעם טרויעריקן אויסגעשריי: נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ,
און זיך געלאָזט אים אָדיאָגן, צוריקקערן...
אומזיסט געוועזן מיין אויפשפּרינגען, מיין איילעניש,

אומזיסט מײַן לאַנגן טורעם־שלאָף צעשטערט.
אַז איך מיט גאָרנישט קער זיך אום צוריק אַהער,
היינט ווי קאָנט איר נאָך האָפן, ער זאָל קומען ?...
דער איינציקער, וואָס קאָן אייך ראַטעווען, בין איך —
בין איך...

ביידע פרויען

גיי אַוועק! צי ביסטו דער, וואָס רופט זיך יאָסל ? זאָג.

גולם

מען רופט מיך אַנדערש איצט, ווייל יאָסל איז
אַ צווייטער היינט, אַן אַנדערער; ער ליגט נישט מער
אַן אויסגעצויגענער צעשליידערט אויפן דיל
און שלאָפט נישט מער זיין אומגעוויינלעך פינסטער־שלאָף.
איך האָב זיך אויפגעהויבן שטילערהייט און בין אַוועק.
איך וויס דער רבי וואָלט מיך נישט געלאָזט,
האָב איך אַליין, נישט פרעגנדיק זיך, דאָס געטאָן.
איך האָב שוין לאַנג געחלומט וועגן זיך אַליין...
וואָס קוקט איר ביידע אַזוי טויט דערשראָקן ?
איר האָט מיך נישט ערוואַרט צו זען ? ס'איז אמת, יאָ,
אַז מיך טאָר קיינער זען און הערן,
און איך אַליין טאָר קיינמאָל נישט אַנטפּלעקן זיך. —
כ'מוז אייביק זיין דער נישט געזעענער, פאַרבעפּלטער,
ביז דער, וואָס האַלט דאָס שנירל פון מיין מזל,
זאָל זאָגן: גיי, פאַרנעם, דערהער און זע...
צי ווייסט איר, ווער עס האַלט דאָס שנירל פון מיין מזל ?..

ביידע פרויען

אָ, גיי אַוועק. דו שרעקסט אונז. גיי אַוועק.

גולם

איר ווייסט נישט, ווער עס האַלט דאָס שנירל פון מיין מזל ?
איך וועל אייך זאָגן, אויב איר ווילט... נישט שרעקט זיך, --

דאָס איז דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל,
אַז איך דעק אויף מיין אויסזען, רעד צו מענטשן
און קוק זיי אין די אויגן גלייך אַריין;
אַז איך אַליין טרעט איבער אויפן שוועל
און קום אַ נישט דערוואַרטעטער, אַ מיטנאַכטיקער,
און רעד אַזוינע רייד און הער אַזאַ אַ שטילקייט. —
דאָס איז דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל...
צי ווייסט איר, ווער עס גייט מיר נאָך און רופט,
און צווינגט מיך גיין אַהער צוריק? און ווייסט איר, וואָס עס מיינט
דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל?.. איר ווייסט נישט.
אירווילט, וועל איך אייך אויסזאָגן. — — איך ליג און שלאָף.
עס דאַכט זיך אויס, איך זע אפילו נישט דעם שיין פון חלום,
און עפן איך די אויגן ווען — דערזע איך נישט
מיין אייגענעם געשטאַלט, און שריי איך עפּעס אויס —
דערהער איך נישט מיין אייגענעם געשריי;
נאָר אָט דערהער איך און דערזע פּאַר טויזנט מייל,
דערזע מיט צוגעמאַכטע אויגן, און דערהער
מיט טויבע אויערן, און שריי און רוף
מיט אַ פאַרשטומטן צונג. צי הערט איר נישט,
אַזוי ווי איך, אַ יאָמער דורך די חורבות?
דאָס רופט מען מיך... איך האָב געמיינט, מיך וועט נישט אַרן,
איך וועל די חורבות איבערלאָזן זיין אַליין,
און זאָל דער יאָמער אויסגיין אין דער ליידיקייט פון טורעם!..
אַזוי האָב איך געמיינט. נאָר זעט איר, אין מיין האַרץ
האָט זיך אַ בענקשאַפט אויפגעוועקט נאָך אים,
אַ ליבשאַפט. דורך מיין גאַנצן לייב לויפט דורך אַ ציטער.
איך וואַרט שוין די מינוט, ווען איך וועל ווידער
אַ וואָרף טאָן זיך, זיך אויסציען און בלייבן ליגן
אַרומגעהאַלזט, אַ צוגעדריקטער צו די דילן,
און ליגן אין דער פינסטערניש און ליידיקייט...
איך האָב אים ליב, דעם פינפער־שלאָס, איר ווייסט?..

כ'וועל זיצן נאָר אַ ווײַלע, נאָר איין ווײַלע. איך בין מיד,
וועל אָפּרוען. די פינסטערניש און ליידיקייט
זיי וועלן וואַרטן דאָך... — איך מעג זיך זעצן?

דבורהל

וואָס פרעגט ער, האַ? וואָס פרעגט ער?

גולם

האָט נישט מורא.
איך וועל אייך גאָרנישט טאָן, און — קוקט אויף מיר.
וואָס טרייסלען זיך די הענט אַזוי בײַ אייך, די ליפּן?
איר וועט דאָך קיינמאָל מיך נישט זען מער, קיינמאָל...
איך בין דאָך אַזאַ ליכטיקער אַצינד, דער ליכטיקסטער,
נאָך ליכטיקער פון אים, פונם יונגן וואַנדערער,
און ליכטיקער פונם רבי... איר ווילט, וועל איך אייך זאָגן,
ווו טרעטן איצט די פיס פונם יונגן וואַנדערער,
און ווו — דעם רבינס. —

רביצין

האָסט געזען דעם רבין?

גולם

צי איך האָב אים געזען? איך זע אים אייביק,
די טריט פונם וואַנדערער פאַרשווינדן, און דער דונער,
וואָס קייקלט זיך אַראָפּ פון הימל, שלינגט זיי איין;
איר מיינט, אומזיסט געקומען איז דער דונער איצט?
דער רבי גייט צוריק. ער גייט אַהיים, ער קומט באַלד...

רביצין

פון וואַנען גייט דער רבי?

גולם

פונם פעלד, פון הינטער שטאָט.
איך קום דאָך אויך פון דאָרט, ווו אַלע וועגן
פאַרשלאָסן האָבן זיך פאַר ביידע וואַנדערער; —
איך האָב געזען דעם רבין, שטייענדיק אין טרויער,
דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און ער, דער וואַנדערער,
איז זיך געגאַנגען טראָט ביי טראָט מיט זיינע ווונדן־פיס
אַהין, ווו אַלע וועגן האָבן אים פאַרטריבן...
און, אַך, ווי שטאַרק איך האָב געוואָלט אים נאָכלויפן,
פאַרלויפן אים דעם וועג און דרייען זיך,
און לייגן זיך צו זיינע פיס און זיין זיין שאָטן —
בלויז ווי האָב איך געקאָנט, אַז אין מיין האַרץ האָט זיך
צעבראָכן די בענקשאַפט... יאָ, דער רבי גייט אַהיים;
אַז איך מוז גיין צוריק — מוז ער געוויס;
דער רבי זאַמט זיך, ווייל ער גייט מיט שווערע טריט,
מיט טרויעריקן זינקענדיקן קאָפּ, און איך —
דער גאַנצער וועג פאַר מיר איז נאָר איין שפּאַן,
די גאַנצע פינסטערניש — איין אויגנבליק;
דער רבי גייט אין דונערן און בליצן איינגעהילט,
דער שטורעם־ווינט, וואָס קומט, האָט אים פאַרכאַפּט דעם ערשטן,
ער שליידערט אים אין אַלע זייטן, פליקט די קליידער זיינע, —
איר הערט, דער רעגן שמייסט אַריין דורך אַלע לעכער...

רביצין

אָ, גאָט, דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם זיך.

דבורהל

אַנטלויפן קום, אַנטלויפן.

גולם

גייט נישט, גייט נישט.
עס טאָר מיך קיינער נישט דערזען אין דער מינוט,

און קיינער טאָר נישט הערן מיינע ווערטער אויסער די,
פאַר וועמען איך האָב אויפגעדעקט מיין אויסזען,
און אויפגעדעקט מיט ווילן... ווייסט איר, ווער עס זיצט מיט
אייך?
מיין פנים איז אייך גוט באַקאַנט און אויך מיין נאָמען,
נאָר זען האָט איר מיך קיינמאָל נישט געזען;
און בלינד וואָלט איר געוואָרן אין איין רגע,
ווען איר וואָלט פּלוצלינג אָן מיין ווילן מיך
דערזען...
ווייל טויט און בלענדעניש און פייער־שיין,
און אייביקער פאַרגיין — דאָס זיינען מיינע אויגן...
איך לעב, און ווייס אַליין נישט וויפיל, אויף דער ערד און אונ־
טער איר,
מיט מענטשן און מיט חיות און מיט ווערעם,
אין וואַסער און אין פייער און אין שטיינער,
און קיינמאָל זע איך נישט דעם אָנהויב און דעם סוף
פון מיר און פון מיין אייביקן פאַרגיין...
איך בעט זיך: נעם אַראָפּ פון מיר דעם גזר פון וווּנדער;
נאָר ווער דערהערט דאָ מיין געבעט?.. און איצט, איך פלי
אַזוי פון פעלד אַהער, דערהער איך מיט אַמאָל
אַ מאָדנעם קלאַנג אין מיינע אויערן, און אין די אויגן
אַ ברען האָט מיך געטאָן אַ פרעמדער פייער...
און אפשר, ניין — וואָס רעד איך? — כ'וואָלט אַריין
אין יעדן הויז, מיך אַרט נישט וועמענס;
ווייל יעדע הויז וואָלט מיך מיט שרעק באַגעגנט
און יעדע הויז וואָלט מיך מיט שרעק פאַריאָגט...

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זיצט. דונערן און בליצן

דבורהל

דערבאַרעם זיך אויף אונז, דערבאַרעם זיך.

גולם

דו האָסט נאָך מורא אַלץ? דער רבי וועט באַלד קומען.

איך זע: ער איז שוין נאָנט. דער רעגן גיסט אויף אים
און האָט אויף אים קיין שליטה נישט, די בליצן
זיי לייכטן אים דעם וועג. ער קומט, ער קומט...
ער טאָר נישט וויסן, וואָס איך האָב געזעדט פאַר אייך.
איך זע אויף דיין געזיכט אַ מורא אַ באַזונדערע,
דו קוקסט מיר אין די אויגן גלייך, דערמאָנסט זיך יענע רגע,
ווען איך האָב דיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיך און צוגעדריקט..
איך פיל נאָך איצט דיין וואַרעמקייט אויף מיינע פינגער,
און דאָ ביים ברוסט נאָך הער איך איצט דיין ציטער...
נאָר דאַן בין איך אַנטשטומט געוואָרן, נישט געקאָנט
דעם אָטעם אָפּכאַפּן... און איצט איז אַנדערש,
איך וויל אפילו זיך נישט אָנרירן צו דיר. מיר איז גענוג
צו זיצן, ווי איך זיין אַנטקעגן דיין געזיכט,
און רעדן רייד, וואָס דרייען זיך מיט לייכטקייט,
מיט לייכטקייט און מיט בלענדעניש... ווען איך זאָל וועלן —
דערשראָקן און דערשטווינטע ווי איר ביידע זיצט, —
אַ כאַפּ וואָלט איך דיך געבן און אַ הויב טאָן צו דער הויך,
אַרונטערשליידערן צו מיינע פיס און ווידער אויפהויבן,
און דרייען דיך אַרום מיין קאָפּ מיט שווינדלענדיקן אימפעט,
און דרייען אַזוי לאַנג און שנעל, ביז דיינע הענט
אַרומגעקלאַמערט וואָלטן זיך אַרום מיין האַלז, און דיינע ליפּן,
פאַרברענטע און צונויפגעשלאָסענע פון פּיין און ווייטאָק,
אַריינגעזונקען וואָלטן זיך אין מיינע... —

ביידע פרויען אין פאַרצווייפלונג פאַרשטעלן די פּנימער און ברעכן מיט די הענט

גולם

און מערער נאָך:
איך וואָלט אַרויפגעשליידערט דיך אויף מיינע אַקסלען,
און דורך דער שטורעמדיקער, בליצנדיקער פינסטערניש
אַריינגעטראָגן וואָלט איך דיך אין איינעם פון די טורעמס,
און ביידע וואָלטן מיר זיך אויפגעדרייט אין איינעם,
זיך איינגעדעקט אין איינגעגראָבן אין דער לערקייט...

און אויפגעעפנט וואָלט איך מיינע אויגן און דערזען:
די ווינטן רייסן און צעפליקן דיינע קליידער,
די בליצן דעקן אויף די ווייסקייט פון דיין לייב,
און אָנגעטרונקען ווערט די לערקייט מיט דיין וואַרעמקייט... —
אַריינגעביסן וואָלט איך זיך אין דיינע גלידער,
אַריינגעזויגט אין זיך דיין ווייסן לייב... און ווידער שטיל.
דער רעגן שמייסט אַריין דורך אַלע לעכער,
די בליצן פלעכטן זיך און פלעכטן זיך פאַנאַנדער,
און ציגל פאַלן איינס נאָך איינס און זינקען...

שטעלט זיך אויף

אָט פיר איך אייך אַרויס. איך פיל, מיך עקלט
פון אייער שרעק, און מערער נאָך פון מיין אַנטפלעקן זיך;
איך האָב זיך שוין גענוג דערנידעריקט דערמיט אַליין,
וואָס איך האָב נישט געקאָנט פאַרבייגיין דיך אינגאַנצן
און נישט דערמאָנען זיך אן יענער וואַרעמקייט אויף מיינע פינגער;
וואָס איך האָב אויסגעזאָגט אַזוי פיל סודות,
פאַר אייך דערשראָקענע, פאַרבלאָנדזשעטע צוויי ווייבער...

גייט צום טיר און שטעלט זיך אָפּ

... ס'איז שטיל געוואָרן מיט אמאָל דער יאָמער אין די חורבות:
איך האָב געגעבן נאָר איין טראָט, האָט שוין די רו
צעשפרייט זיך איבער אַלע ווענט און היילן,
ווייל יעדער טראָט פון מיינע פיס איז פרייד,
און יעדער בויג פון מיינס אַ האַנט איז רויִקייט.
אָט ציטערט איר — און אייערע געזיכטער זיינען ווייס,
פאַרחלומט, איינגעשלאָפן... איך אַליין, ווי איר,
פאַרגעס אָן אַלע מיינע רייד און פיל ווי מיינע ברעמען
פאַרמאַכן זיך, פאַרמאַכן זיך. איך וואָלט געקאָנט
אַנידערלייגן זיך אָט דאָ און איינשלאָפן; איך טו עס נישט:
איך קאָן מיין שלאָף אַריבערטראָגן ערגעץ אַנדערש;
נאָר איר קאָנט ערגעץ נישט אַוועקגיין, ערגעץ נישט...
פון אַלע זייטן קומט אויף אייך דאָס לאַנג דערוואַרטעטע
מיט שאַרפע העק און צוגעגרייטע פייערן;

און אין דעם האַרץ פון נאַכט שוין גיסן זיך אַריין
באָך וואַרעמע, אָט אָט פון שווערד אַראָפּגערונענע,
די ערשטע רויטע טראָפּן... איינס נאָך איינס... און מיט אַמאָל
די טראָפּן ווערן אויפגעברויזט אין שטראָמען,
צו יעדער טיר אַ שטראָם... און אָט צו אייער טיר.
אָט טראָגן אייך אַוועק די רויטע שטראָמען ווייט און ווייטער;
עס ברענען הייזער און זיי פאַלן און פאַרלעשן זיך,
און מיט די הייזער — קעפּ פאַרברענטע און דערנאָך דערטרונקענע,
זיי רינגלען אייך אַרום און שווימען מיט די שטראָמען...
עס קלינגען מאָנאַסטירן=גלעקער, צלמים גליען,
און מיילער, רויטער נאָך פון פייער, כאַפּן אויף די גלעקער=קלאַנגען
און שלינגען זיי אַריין אין זיך, און וואַרפן זיי אַרויס צוריק
אין לאַנגע שלענגלדיקע צונגען, דרייען אייך אַרום, דערטרינקען אייך,
און שלעפּן אייך אַרויס צוריק, דערטרינקען ווידער...
און איר — איר זיצט זיך, אָט אַזוי ווי איצט, פאַרחלומט,
און איינגעשלאָפן, איינגעוויגט אין רו — אין מיינער...
אייך מעלן זיך נאָר שרעק און טרויער; זאָג איך אייך:
הויבט אויף דעם קאָפּ און זעט, ווי ווייט און הויך
איך שפּרייט פונאַנדער מיינע הענט, ווי גרינג איך אָטעם;
אָט גיב איך מיינע פיס אַ הויב און ריר נישט אָן דעם דיל,
ווי פליגלען טראָגן מיך די שפּאַנען מיינע...
וואַכט אויף און גייט. איך פיר אייך.

ביידע פרויען זיינען פאר דער צייט אזוי ווי פארחלשט געוואָרן פון שרעק, האָבן זיך ארונטערגעזעצט צו דער ערד און געזעסן מיט פארדעקטע געזיכטן. זיי רירן זיך נישט פון אָרט

גולם

וואַכט אויף, איך ווייז אייך אָן דעם וועג אַרויסצוגיין,

פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרלאָרענע, איך פיר אייך.

ער נעמט זיי פאַר די הענט און שטעלט זיי אויף

בײדע פרויען

חי געריירט גײען נאָך נאָך אים

גולם

נישט האָב קיין מורא, וואָס איך ריר דיך אָן ביים האַנט...
דאָס פיר איך דיך, דאָס ווייז איך אייך דעם וועג...

פירט זיי ארויס, קערט זיך אין א רגע אום צוריק, זעצט זיך אַוועק אין א
חינקל און וויגט זיך מיט די הענט פאַרלייגט אויפן האַרצן

גולם

נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ...
וואָס שווייגט איר, ווענט,
מיינע ווענט?..
וואָס שלאָפט איר, היילן,
מיינע היילן?
וואָס פרעגט איר נישט,
פון וואַנען קום איך?..

אויפגעשטאַנען, אויפגעלויכטן,
אָפגעגעבינדן אַלע ווערטער,
אויסגערעדט זיי אין דער לערקייט...
איצט — ווי פריער, —
קלאַפט דער רעגן
אויף די שטיינער פון מיין שלאָס...

האָט מיך עמעץ
דען געהייסן
גיין זיך יאָגן נאָך דעם שאָטן
פון די צוויי? —

קיינער, קיינער, קיינער!.

אַז מען האָט
נאָך הילף גערופן, —
האָט מען דען
צו מיר גערופן?
האָט מען דען
אויף מיר געהאָפט?..

וואָס שווייגט איר, ווענט,
מיינע ווענט?
וואָס שווייגט איר, היילן,
מיינע היילן?

תנחום

שלייכט זיך אַרײַן

ווער זאָל ראַטעווען? ווער?
ווער קאָן ראַטעווען? ווער?

גולם

איך.

תנחום

מיט אַ הילכיקן געלעכטער

כאַ, כאַ, כאַ, ער!
ווער ביסטו? ווער?

צרשטוינט

ביסט דאָ צוריק? ווי שנעל.
דער זעלביקער.
געווען נישט לאַנג אַן אַנדערער,
און שוין צוריק דער זעלביקער.

מיט כּעס

אָפּגענאַרט תּנחומען, אָפּגענאַרט תּנחומען.

גולם

ווערט טונקעלער און טונקעלער

תנחום

פון אַלע עקן פון דער וועלט
צוריק געקומען. . .
כאַ, כאַ, —
וואָס טוט זיך עפּעס אויף די עקן פון דער וועלט ?

גולם

זיי שטיל. דו הערסט ? —

תנחום

איך הער, אודאי הער איך.

גולם

רוק זיך צו צו מיר. נענטער.

תנחום

רוקט זיך צו האַרט צום גולם. זיצן ביידע

גולם

אַט בין איך דאָך צוריק געקומען, זעסט.
אַ רגע פריער, שפּעטער, — אין אַ נאַכט
פון איינע דונערן און שטורם=רעגן,
פון נישט דערגאַנגענע און נישט דערגרייכטע ווייטקייטן —
וואָס מאַכט עס אויס צי פריער מיט אַ רגע אָדער שפּעטער ?

תנחום

וואָס מאַכט עס אויס ? אודאי, יאָ. . .

גולם

ווי היימלעך מיר איז דאָ. דיר אויך ?

תנחום

אודאי, יאָ.

גולם

איך האָב די היימלעכקייט געפילט נאָך דאָרט,
אין פעלד און וואַלד זיך יאָגנדיק,
אַלץ זעענדיק און הערנדיק.
איך האָב געוווּסט, אַז ערגעץ זיינען דאָ פיר ווענט...
דו ווייסט עס אויך?

תנחום

אודאי ווייס איך. יאָ.

גולם

און וואָס וואָלט זיין, ווען ליכטיק דורכזיכטיק
עס וואָלטן זיין אויך די פיר ווענט?
וווּהין וואָלט איך געקאָנט אַנטלויפן פון דאָס אַלץ געזעענע?
און ווו וואָלט איך גענומען האַרטקייט פאַר מיין לייב,
און קאַלטן ציטער, שטעכעדיקע פינסטערניש,
און אָפגעצאַמטע, אָפגעגרענעצטע פאַרלאָזנקייט?..
איך האָב גערעדט, אַוועקגייענדיק פון דאַנען,
מיט בייזע רייד צו דיר; נאָר האָסטו נישט געהערט
אין מיינע בייזע רייד אַ ווונק אויף מיין צוריקקער,
אַן אָנזאָג אויף מיין בענקעניש און ליבשאַפט?

תנחום

איך האָב געהערט, געהערט, אודאי.

גולם

איך האָב מיר אויסגעגעסן שוין די אויגן פון מיין ליכטיקייט,
און אַלע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט דורך דער נאַכט,
צעזייט געוואָרן זיינען אין מיין ליכטיקייט;
זיי וועלן אָבער זיך געפונען; יעדערער פון זיי
האָט ערגעץ־ווו אַן אָפגעצאַמטן ווינקל,
ווו צו צופאַלן מיטן קאָפ און אויפדריקן דעם שטערן.

מיטביידע אויגן זיך אַריינגראָבן און שווייגן...
ר׳ לוי האָט אַ חדר, און דער יונגער וואַנדערער —
די שטיינער-נעסט אין מדבר... נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט,
ער יאָגט אַהין און ער וועט קומען,
אַזוי ווי איך אַהער, און אויך, ווי איך, מיט פרייד
זיך וואַרפן קושן די פאַרשפּיצטע שטיינער,
וואָס וועלן אים אַרומכאַפּן מיט זייער שטעכיקייט,
אַרומהאַלזן מיט זייער האַרטקייט און פאַרלאָזנקייט...
ר׳ לוי זיצט שוין אין דער היים ביי זיך און זעט
אַנטפּלעקטע וווּנדער און אַנטפּלעקטע שרעקן...
אָט פאַלט ער צו צום טיש און ווערט אַנטשוויגן,
אַ גליקלעכער, ווי איך, אין זיין פאַרשטיינערונג;
אָט שטעלט ער זיך און גייט. ער גייט אַהער, ווי איך,
צו זוכן היימלעכקייט אין די פיר ווענט, וווּ ער
איז שטענדיק זיכער צו געפינען איינעם — מיך —
וואָס וואַרט אויף אים און איז אויף אייביק זיינער...

תנחום

זיינער?

ג ו ל ם

נישט פרעג. רוק נענטער זיך צו מיר.

תנחום

דו שלאָפסט, צי וואָס?

ג ו ל ם

נישט פרעג, נישט רעד... פאַרלעש זיך, ליכטיקייט,
באַהאַלט זיך, שיין פון מיינע אויגן,
פאַרשווענקטער דיל, דערנענטער זיך צו מיר,
שיק דורך דיין קעלט דורך אַלע מיינע גלידער...
זאָל הערן זיך דער אָטעם נאָר פון דונערן,

און זאָל דער ווינט אַריינשמייסן דעם רעגן...
דערווייטער זיך פון מיר, דערווייטער זיך...

פאַלט. ציט זיך אויס מיטן פנים אַרונטער אין דער זעלבער פאָזע, ווי ער איז געלעגן גאָר אין אָנפאַנג. תנחום, פול מיט שרעק, רוקט זיך פון אים אַלץ ווייטער און ווייטער אויף די שפיצן פינגער. קומט צו אַ טיר און פאַרשווינדט האַסטיק. זיינע האַסטיקע דערשראָקענע טריט הילכן אין די ווייטע חדרים פון טורעם. שטילער, שטילער און פאַרגייען. שטאָק פינסטער. עס קומט אַריין מהר״ל מיט אַ לאַמטערן אין האַנט

מהר״ל

באַלויכט דעם גולם מיט דער לאַמטערן

קיין ענדערונג. אַזוי ווי איך האָב אים פאַרלאָזט.
דער זעלביקער.

שווייגט

דער גאַנצער רעגן גייט אויף אים.
שטיי אויף, שוין צייט, שטיי אויף.

גולם

זעצט זיך אויף

מהר״ל

גענוג געשלאָפן.

גולם

רבי.

מהר״ל

שלאָפסט שוין צוויי מעת־לעת.

גולם

איך האָב שוין לאַנג געוואָלט זיך אויפכאַפּן.
שוין וויפיל מאָל זיך אויפגעזעצט און נישט געקאָנט
פאַנאַנדערעפענען די אויגן. נאָס איז מיר און קאַלט.

מהר״ל

דער רעגן גיסט אויף דיר די גאַנצע צייט.

גולם

אין שלאָף האָב איך דעם רעגן נישט געפילט.
ווו בין איך, רבי?

מהר"ל

ווייסט דען נישט? אין פינפער טורעם.

גולם

און מיר האָט זיך געחלומט אַלץ, אַז איך
בין ערגעץ ווייט אַהינטער שטאָט, איך שפּאַן אַרום
אויף גרויסע שאָטנדיקע פעלדער, שפּאַן און שפּאַן.
עס קומען אָן אַזוינע מענטשן מיר אַנטקעגן,
איך לאָז זיך גיין צו זיי, זיי ווערן נענטער;
איך טו אַ שפּרונג און וויל זיי זען אין פּנים,
נאָר ווי איך דריי זיך נישט, פון וואָסער זייט איך קוק נישט —
איך זע קיין פּנימער, נאָר נאַקנס...
קיין אויגן, שטערן, נעזער — איינע נאַקנס;
קיין מיילער — דאָך הער איך זיי רעדן...
איך פרעג: ווער זיינט איר, ענטפערן זיי: „דו";
פון וואַנען קומט איר — זאָגן זיי: „פון דיר";
איך פרעג: ווו גייט איר — זאָגן זיי: „צו דיר"..
און ווי זיי זאָגן דאָס אַרויס, זיי גיבן זיך אַ דריי
און נעמען יאָגן איינער נאָכן צווייטן גלייך אַהער
צום פינפער טורעם. איך נאָך זיי. און ווי איך לויף,
דערזע איך ערשט: זיי זיינען פינף אין צאָל,
דריי מענער און צוויי פרויען. אָט האָב איך זיי אָנגעיאָגט
און איינעם אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, איך טו אַ קוק
ערשט — דו.

מהר"ל

איך?

גולם

די ביסט געווען אינגאַנצן נאַס, דערפראָרן,
די קליידער צוגעקלעפּט צום לייב, די באָרד צעפּלאָסן,
די הענט, ווי אָפּגענומענע, — געבאָמבלט זיך אין אַלע זייטן,
און דאָ, ווו ס׳האָט באַדאַרפט דיין פּנים זיין — צוויי גרויסע שניטן

איין שניט פון שטערן ביז אַראָפּ, דער צווייטער אין דער ברייט
און ביידע האָבן זיי געגליט ווי רויטע פלאַמען,
געגליט, פאַרלאָשן זיך, געוואָרן שוואַרץ...
דו ביסט געפאַלן אויף די קני פאַר מיר, גענומען וויינען:
— אָ, ראַטעווע מיך, יאָסל, פון די שניטן,
איך טראָג זיי אויף מיין פּנים שוין פון טויזנט יאָרן,
זיי ווערן קיינמאָל נישט פאַרצויגן מיט קיין הויט...

מהר״ל

וואָס ווייטער?

גולם

אַלע איבעריקע, זעענדיק
דו ליגסט און וויינסט — אַרויפגעפאַלן זיינען זיי אויף מיר,
געוואָרפן צו דער ערד, געשפּיגן מיר אין פּנים;
און איינער, מיט צעווונדיקטע, צעביילטע פיס,
אַרויפגעטראָטן איז אויף מיר און אויסגעשריען: גולם!..
אַ שפּרונג האָב איך געטאָן פון אונטער זיי, און אָנגעכאַפּט
דעם אויסשרייער פאַר ביידע הענט, אַרויפגעשליידערט אין דער הויך,

געוואָלט אַ זעץ טאָן אים אָן דר׳ערד און — פאַרטיק,
ערשט, אומגעריכטערהייט, האָסטו מיט אַזאַ כּעס
אַ שניט געטאָן מיר מיט דיין שטעקן איבער קאָפּ און אויסגעשטאַמלט:
— צי ווייסטו וועמען דו ווילסט שלאָגן? גולם!..
אַ פינסטערניש האָט מיך אַרומגעכאַפּט, איך בין געפאַלן.

פאַר הענט און פיס האָט איר מיך זאַלבאפינפט
גענומען טראָגן, שלעפּן, צוגעשלעפּט מיך צו אַ גרוב,
אַריינגעלייגט, און מיט די הויפנס איינער נאָכן צווייטן
געשאָטן ערד אויף מיר... אָט בין איך שוין פאַרשאָטן.
אַ האַלבער קאָפּ נאָך שטעקט אַרויס. דערהער איך מיט אַמאָל
ווי איינע פון די פרויען, דבורהל — —

מהר"ל

ווער?

גולם

איך האָב דערקענט איר קול. צעוויינט האָט זי זיך שטאַרק,
אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַלבן קאָפּ, אַרומגעכאַפּט
מיטביידע הענט, מיך צוגעדריקט צום האַרצן און געוויינט.
זי וויינט, און אַלע שיטן זיך די ערד און שיטן,
און דו, איך הער, זאָגסט ווידער מיט דעם זעלבן קול:
— צי ווייסטו וועמען דו באַוויינסט? אַזאַ באַוויינט מען נישט.

מהר"ל

גענוג. דו הערסט? איך בין אַליין דאָ. איך אַליין.
איך קום אין האַלבער נאַכט צו דיר, דו זעסט.
איך ברענג דיר רו און פרידן. צוויי מעת לעת האָסטו
געשלאָפן נאָכאַנאַנד. נישט איינמאָל שוין בין איך
אַהער געקומען זען דיך, רופן עסן, טרינקען,
נאָך דו האָסט נישט געהערט.

גולם

איך בין נאָך אַלץ נישט הונגעריק.
און פריער איז מיר קאַלט געווען, און איצט שוין נישט,
ווייל דו ביסט דאָ.

מהר"ל

לייגט אַרויף זיינע הענט אויפן גולמס אַקסלען

וועסט גיין מיט מיר. איך דאַרף דיך.

גולם

כ'בין גרייט שוין, רבי, רוף מיך.

מהר"ל

די האַלבע נאַכט דאַרף אונז באַגעגענען נישט דאָ,
נאָר אין דער טיפעניש פון פינפער טורעם, טיפער נאָך
פון אַלע גריבער, וואָס דו האָסט געזען אין חלום;
און הער דאָס וואָרט, וואָס איך וועל דיר אַנטפּלעקן,
פאַרנעם אים גוט, דערזע זיין רויטקייט,
דערשפּיר זיין וואַרעמקייט, זיין ציטער און זיין שאַרפקייט,
דאָס וואָרט הייסט — בלוט.

גולם

בלוט.

מהר"ל

האָסט גוט פאַרנומען? ווערסטו גוט געדענקען?
זאָג איבער נאָכאַמאָל, נאָר העכער.

גולם

בלוט.

מהר"ל

און נאָכאַמאָל, נאָר שטילער.

גולם

בלוט.

מהר"ל

איצט גרייט זיך גיין מיט מיר.

גולם

כ'בין גרייט שוין, רבי, רוף מיך.

מהר"ל

איך רוף דיך. קום.

זיי גייען ביידע ארויס צו די ווייטערדיקע אריינגאנגען פון טורעם. תנחום שלייכט זיך דורך מיט אנגעצונדענע ליכט אין די הענט

תנחום

פארגייט זיך

רא-טע-וועט. . .
ווער וועט ראטעווען? ווער?
ווער קאן ראטעווען? הא?
וו-ע-ר ק-א-ן רא-טע-ווען? וו-ע-ר? . .

אין הײל

אין די אונטערערדיקע היילן פון פינפטער שלאָס, אַ פינסטערניש אָנצוטאַפּן מיט די פינגער. טאַדעוש באַגלייט פונם מאָנאַך באַחייען זיך פון דער טיפעניש פון הייל. דער מאָנאַך טראָגט אַ קליינעם פאַקעל. זיי אָטעמען ביידע אָפּ מיד פון לאַנגן קריכן אונטער דר'ערד

טאַדעוש

דיין האַנט אַהער. נישט וואַקל זיך. ווען נישט די לופט
די שטיקנדיקע און די שטאַרקע פינסטערניש,
וואָלט לאַנג שוין אויסגעפּירט געווען די שליחות,
וואָס גאָט און יעזוס אונזער קעניג האָבן אונז
געשיקט צו אויספירן. דו זעסט, די הייל איז לאַנג,
פאַרלאָזן און פון קיינעם נישט באַטראָטן,
פונדעסטוועגן האָט אונזער האַרץ זיך נישט געשראָקן,
און אונזער האַנט האָט נישט געציטערט. גאָט אַליין
האָט אונז מיט גלייכע טריט געפירט צו זייער שול...

מאָנאַך

אָט פאַל איך, האַלט מיך, פאָטער.

טאַדעוש

גלייך זיך אויס
און אָטעם אָפּ. די לופט איז לייכטער דאָ.

מאָנאַך

כ'האָב אַלץ געטאָן, וואָס דו האָסט מיר געהייסן,
און נישט געשראָקן זיך, געהאַלטן פעסט

דעם מעסער אין דער רעכטער האַנט, און מיט דער לינקער
צונויפגעדריקט דעם האַלז... קיין איין געשריי, קיין צאַפּל...
די פלעשלעך האָב איך גוט פאַרקאָרקעוועט, אַוועקגעשטעלט...
נאָך פיל איך אויף מיין האַנט די וואַרעמקייט...
אָ, האַלט מיך צו, מיך שווינדלט ווידער.

טאַדעוש

האָסט מורא? פייגלינג. זעסט נישט, ווער עס פירט דיך?
דו זעסט מיין גרויע באָרד, מיין עלטער־שטעקן,
די נעכט די נישט דערשלאָפענע — אין מיינען אויגן?
פאַר וועמען האָב איך נישט דערשלאָפן? מיר צוליב?
אויף וועמען שפיגלט זיך דער שיין פון צלם —
אויף מיר אַליין? צי מערער נאָך אויף דיר?
און ווער האָט מער געשאַרפט דאָס מעסער, איך צי דו?
און ווער האָט מער אַריינגעזאַפּט די הייסע וואַרעמקייט,
כאָטש איך בין פון דער זייט געשטאַנען, איך צי דו?
געטאָן האָב איך, נישט דו, און וואַקלען זיך
האָב איך באַדאַרפט; ווייל דו האָסט גאָרנישט נישט געטאָן, —
אַ פיר נאָר מיטן שאַרף געגעבן...

מאָנאַך

פאַרגיב מיר, פאָטער.

קושט אים די הענט

טאַדעוש

איך פאַרגיב דיר, איך בין גוט.
מעגסט רויק קומען אין דיין צעל און שלאָפן.
און איך בין מער ווי רויק, איך בין גליקלעך.
ווייל, קוקנדיק ווי דו גיסט אָן די פלעשלעך,
געזען האָב איך אַזוינע זעונגען פאַר מיינע אויגן,
וואָס קיינער, אויסער א י ם, האָט נישט געזען...
און ע ר, שוין הענגענדיק אַ צוגענעגלטער צום קרייץ,

און זעענדיק די זעלבע זעונגען וואָס איך,
האָט אויפגעמאַכט איין ווינקל פון אַ ברעם
און שטיל מיט ליבשאַפט צוגעשיקט אַ קוק אַהער;
ווייל ד אַ ן נאָך איז די הייל געווען שוין גרייט פאַר דעם,
און אויך דער מעסער... גלאַנציק, שטראַלנדיק און שאַרף
אַ שיין געטאָן האָט פון דער הייל אויף א י ם דער מעסער.
אַ שיין געטאָן, אַ גלעט געטאָן זיין אויפגעמאַכטע ברעם,
און גלאַנציק, שטראַלנדיק האָט זיך זיין אויג פאַרמאַכט...
דו מיינסט: נקמה? ניין, נאָר איינע ליבשאַפט,
ווייל בלוט — איז ליבשאַפט, בלוט פון קינדער,
ווייל ע ר איז אויך געווען אַ קינד... און יעדער מעסער
פון דאַמאַסט אָן געוואָרן איז געבענטשט;
און קיינמאָל וועלן זיי, די קרייציקער, נישט קאָנען צונעמען,
אַוועקרויבן פון אונז די הייליקייט פון מעסער;
ווייל קיינמאָל טאָר נישט אויפהערן צו גיסן זיך
דאָס בלוט פון די, וואָס האָבן נישט געקאָנט דערזען
דעם שטילן שיין פון ז יי ן פאַרמאַכטער ברעם...

מאָנאַך

אָ, פאָטער, דאַכט זיך, אַז מען גייט אַהער.

טאַדעוש

דיר דאַכט זיך אַלץ, דו פייגלינג איינער. ווער
וועט גיין אַהער? ווער ווייס דעם סוד פונם אַריינגאַנג?
איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, נישט האָב קיין מורא. —
עס הערן טריט זיך, יאָ, — דאָס זיינען ז יי נ ע טריט.
אַ שטילער, אַ פאַרבענקטער שוועבט ער אום
און אָטעמט שטאַרק און טיף אין זיך דעם רויטן גרוך,
ער ווערט אַ לעבעדיקער נישט נאָר אויפן הימל,
נאָר אויך מיט אונז אָט דאָ... אָט קומט ער. —
עס רויטלען זיך די בלייכע באַקן זיינע,
און פון די אויגן שטראָמט זיין ליבשאַפט־פרייד,

זיין קינדערישע באַרעמהערציקייט און צערטלעכקייט;
ער טראָגט דעם קרייץ אויף זיינע אַקסלען, טאַנצט מיט אים,
ער זינגט מיט אים, ער לעבט מיט אים, ער שפּילט זיך...
אָט איז ער דאָ, דו זעסט? הויב אויף די אויגן!

מאָנאַך

מיט שרעק, צלמט זיך און פאַלט צו דער ערד

אָ, קום, כ'האָב מורא, מורא!

טאַדעוש

איצט זעסטו שוין?

מאָנאַך

אָ, יעזוס באַרעמהערציקער, דערבאַרעם זיך...
אָ, נעם מיך צו פון דאַנען, פאָטער הייליקער!

טאַדעוש

אַוועק: אַוועק פון מיינע אויגן!
איך הייס דיר זען — און דו ביסט טויב און בלינד.
אַוועק!

מאָנאַך לאָזט זיך לויפן און טאַדעוש פאָלגט אים נאָך. פאַרשווינדן. עס קומען פון אַן אַנדער זייט מהר"ל און דער גולם, מהר"ל טראָגט אַ לאָמטערן, דער גולם— אַ האַק און אַ רידעל

מהר"ל

בלייב שטיין און קוק זיך צו. וואָס זעסטו?

גולם

איך זע דאָס גאַנצע לענג פון הייל פון עק ביז עק.
צו רעכטס — אַ שמאָלער וועג, צו לינקס — אַ ברייטער,
אַ הונדערט טריט פון דאַנען טיילט זיך אָפּ
אַ דריטער וועג, קוים דורכצוגיין דורך אים.

מהר"ל

ווו ענדיקן זיךביידע ערשטע וועגן ?

גולם

דער שמאָלער פירט צום שול, דער ברייטער פירט צום פּומד.

מהר"ל

הער גוט זיך צו און זאָג מיר וואָס דו הערסט ?

גולם

אַ לעצטן אָטעם הער איך שוין אַן אויסגעגאַנגענעם.

מהר"ל

וואָס שפּירסטו מיטן נאָז.

גולם

ציטערט אויף

דאָס וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט מיר פאַרטרויט..!
אַ רויטס, אַ שאַרפס, אַ וואַרעמס און אַ שטילס,
איך שפּיר עס און איך הער עס און איך זע עס.

מהר"ל

נעם איין דיין ציטער, זאָג עס.

גולם

בלוט.

מהר"ל

פון וועלכער זייט ?

גולם

פון רעכטס, פון שמאָלן וועג.

מהר״ל

קום גיין אַהיין.
מיר דאַרפן איינער צו דעם צווייטן מער נישט רעדן.
צו זיך אַליין נאָר אָן הפסקות זאָגן:
דורך טויט און בלוט און לעצטן אָטעם...
און טראָט נאָך טראָט, אויף הינטער נישט אַ קוק טאָן.
הויב אָן צו גיין און זאָג וואָס איך:
דורך טויט און בלוט און לעצטן אָטעם.

גולם

דורך טויט און בלוט און לעצטן אָטעם.

זיי נעמען גיין, ערשט עמעצער אַן אומזעבאַרער גיט אַ שטויס דעם מהר״ל אויף צוריק און פאַרצאַמט דעם וועג

מהר״ל

דאַרפסט גיין אַליין. נישט-גוטע פון דער הייל
זיי ווילן מיר דעם וועג פאַרשטעלן; גיי אַליין,
ווייל דו ביסט נישט אין זייער שליטה.
נעם מיט דעם רידעל און די האַק. קיין פייער דאַרפסטו נישט.
זוך אויס דעם גאַנצן פלאַץ פון אונטערן שול,
און וואָס דו וועסט געפינען, טראָג עס איבער
צו וועמען דאָס באַלאַנגט. דיין שפאַן איז גרויס,
דיין אויג איז ליכטיק...

גולם

דו לאָזט מיך איבער, רבי?

מהר״ל

האָסט מורא? וואָס?

גולם

אָ, ניין, נאָר קום צוזאַמען.

וועסט זען, זאָל עמעץ נאָכאַמאָל אַ פּרווו טאָן
פאַרשטעלן דיר דעם וועג!

מהר"ל

איך טאָר נישט.
מיט טויזנט אויגן זוכט אַן אויסרייד די סכנה; —
איך הייס דיר גיין אַליין.

גולם

אָ, אַלעמאָל, ווי נאָר
דו קומסט צו מיר, פאַרלאָזטו מיך די רגע.
אין טורעם אויבן טעג און נעכט בין איך געלעגן,
געוואַרט אויף דיר זאָלסט קומען זיין מיט מיר.
אין יעדן שאָרך, האָב איך געמיינט, איך הער
אַן אָנזאָג אויף דיין אָנקומען. דו האָסט געהייסן,
איך זאָל נישט רעדן גאָרנישט, ערגעץ נישט אַרויסגיין;
איך האָב געשוויגן; נאָר געהערט האָב איך אין זיך
מיט יעדער רגע, וואָס פאַרגייט, אַזוינע אויסגעשרייען,
אַזוינע ווערטער אַנדערע פון פריערקע, אַז איך האָב
דאָס מויל געמוזט פאַרשטאָפּן ניט צו אויסשרייען,
די פיס האָב איך געמוזט צוזאַמענבונדן, אונטערבויגן,
זיי זאָלן זיך אַליין נישט אויפהויבן און נעמען לויפן, —
אַזוי האָט מיך געצויגן גיין פון דאָרט, געטריבן...
און דו, ווי נאָר דו גיסט אַ קוק אויף מיר, רעדסט אויס
אַ פּאָר געציילטע ווערטער, גלייך פאַרקערסטו זיך
און לאָזט מיך ווייטער זיין אַליין... ניט גיי אַוועק.
איך זע די גאַנצע פינסטערניש ווי דורך אַ שיין,
איך זע די היילן אין דער לענג און אין דער ברייט,
איך הער די שטיינער רעדן, רירן זיך, פון אַלע שפּאַלטן
די שאָטנס נעמען זיך באַוועגן, אומפּויזען ווי שלאַנגען,
עס נעענטערט זיך אַ בילעריי, אַ וואָיען, אַ קריצן מיט די ציין...
איך האָב קיין מורא ניט, נאָר זיי מיט מיר; איך וויל
דיין נאָענטקייט, רבי, נאָר דיין נאָענטקייט.

מהר"ל

מיר גייען אויף די שפורן איצט פון יענע וועגן,
וואָס הערשן איבער זיך אַליין... זיי זוכן אַלע מיטלען
פאַרדרייען אונז די טריט, אַראָפּפירן, פאַרפירן.
זיי וועלן אָנרייצן אויף דיר נאָך מערער שרעקן;
נאָר דו, פאַרבלייבנדיק אַליין, וועסט מוזן דורכגיין,
וועסט מוזן, ווייל דו ביסט געשיקט, געצווונגען...
זײַ וויסן, וואָס דו זאָלסט נישט זען און הערן,
איז נישט פאַר דיינע אויגן, דיינע אויערן;
דורך דאָס גערודערע, געהערטע זע און הער
דאָס אַנדערע, דאָס ווייטע, וואָס דו מוזט אַנטפּלעקן. —
פאַרבלייב אַליין.

גולם

אָ, נאָך איין רגע, רבי.

מהר"ל

מיט יעדער רגע ווערט אַלץ גרעסער די סכנה,
און דו — וואָס ביסטו אין איר אָנגעזיכט, אַז דיר צוליב
זאָל זיך פאַרשפּעטיקן אפילו מיט אַ האַלבער רגע
די ישועה פון אַ גאַנצן פאָלק?..

גולם

שוין וויפיל מאָל,
ווען נאָר דו דאַרפסט מיך ערגעץ שיקן, דאַן ערשט קומסטו,
דערוועקסט מיך פון מיין שלעפעריקייט, פון מיין שטילקייט,
פאַרוואַנדלסט מיך אין גאָר אַן אַנדערן. דו מיינסט, איך ווייס נישט?

מהר"ל

דיין גאַנץ לעבן איז נאָר איין דערוואַרטונג
אויף יענע רגעס, ווען דו ווערסט מיר נויטיק;
אָט האָסטו זיך דערוואַרט און פילסט אַליין נישט

ווי גרויס עס ווערט דער זין פון יעדן טאָג דיינעם,
וואָס האָט געהאַט די זכיה אויף דעם אַלץ צו וואַרטן...
דאָס צופעליקע פון דיין לעבן גייט אַוועק פון דיר,
דיין איבעריקייט; טאַט און גבורה רופן דיך,
דיין לעבן ווערט באַוויליקט; זע, עס שפּרייט אויף דיר
איר שוץ פון אירע פליגלען די השגחה.

מהר״ל פאַרלאָזט אים. פינסטער. ביסלעכווייז הויבט אָן א שטילע ליכטיקייט אַרומצורינגלען דעם גולם. זיינע אויגן ווערן ברייט און גלאַנציק, זיין פּנים — שאַרף, זיין גאַנצער קערפּער — בויגיק, טיגריש, גרייט צום שפּרונג

גולם

די ווייטקייט און די טיפעניש — איין שפּאַן,
איין שפּרונג, איין בליק, איין פלאַטער
דורך בלוט און טויט און לעצטן אָטעם.

ער וויל מאַכן א שפּרונג, ערשט עס ווערט א גרויס געדודער איבערן הייל. פון ערגעץ האָבן זיך אַרויסגעריסן ווינטן און צעלאָזט זיך מיט א פייפעריי. פון אויבן און פון אונטן נעמט האָגלען מיט שטיינער. זיי פאַלן איבער דעם גולמס קאָפּ, ער שליידערט אַרונטער דעם באַרג פון זיך און טרעט אָפּ אויף צוריק. ווי ער טרעט אָפּ ווערט דער שטורעם איינגעשטילט. ער וואַרט עטלעכע רגעס און טוט ווידער

א שפּאַן פאָרויס

גולם

מיט א ווילדן אויסרוף

דורך בלוט און טויט און לעצטן אָטעם.

עס הויבט זיך אויף א מוראדיקע בילעריי, א טופּעריי פון הינטישע פיס. די גאַנצע הייל יאָמערט און רייסט זיך. דער גולם וואַרפט אין אַלע זייטן מיט דער האַק. דאָס בילעריי ווערט שטיל. עס רייסן זיך אַרויס פון ערגעץ פלאַמען און וואָלקנס רויך. קנוילן זיך און וויקלען אים אַרום, זיינע קליידער הויבן אָן צו ברענען. ער ראַנגלט זיך ווי א וואַנזיניקער, אַרויסלאָזנדיק פאַרשטיקטע קולות. ער פאַלט צו דער ערד. די פלאַמען פאַרשווינדן. ער ליגט און אָטעמט שווער. ער שפּרינגט אויף א צעריצטער. זיינע קליידער זייגען פאַרברענט, נאָר ער אַליין — ניט גערירט

גולם

ווו ביסטו, רבי, ווו ביסטו? קום אַהער!

ער זעצט זיך אַרונטער אויף די קני. אין דעם שיין אַרום אים הויבן אָן צו באַ-

חעגן זיך אַלערליי שאָטנס, הייל־רוחות, טאַנצן און דרייען זיך, פלעכטן זיך איבער זיין קאָפּ

גולם

ווו ביסטו? קום און זע, ווי אַלץ האָט זיך
מיט צאָרן אויפגעוועקט אַנטקעגן מיר;
דער פייער איז שוין אויסגעלאָשן און דער שטורם
איז איינגעשטילט; איצט הויבן אָן אַרויסצוקריכן
פון זייערע באַהעלטענישן שטילע שרעקן,
זיי פלעכטן זיך, זיי דרייען זיך און האַלזן זיך,
און רינגלען מיך אַרום אין זייער מיטן;
זיי שטעכן דורך דעם קוק פון מיינע אויגן
מיט בלענדעניש, מיט צווייענדיקע פייערן,
און מיינע אויערן מיט צווייענדיקע קלאַנגען,
די גאַנצע הייל איז אויך געוואָרן צווייענדיק;
עס טונקלט זיך דער שיין אַרום מיין קאָפּ...

ער וויל נעמען גיין און ווייס ניט וווּ אַ טראַט צו טאָן. ער דרייט זיך אַרום אויף איין אָרט, און אַרום אים אַ שווינדלדיקער קאַראַהאָד פון רוחות

הייל־רוחות

רונד אַרום,
רונד אַרום.
ווער איז דער, וואָס אין דער מיט?
ווער באַצייכנט זיינע טריט?
ווער באַשיצט אים און באַהיט?
— קיינער ניט,
קיינער ניט...

ער איז ניט אין אונזער מאַכט;
אין דער ערב־פסח־נאַכט
ווער האָט אים אַהער געבראַכט
אין דער מיט,
אין דער מיט?

רונד אַרום.
רונד אַרום,
ער אַליין האָט אונז דערוועקט,
פון דער שוואַרצקייט אויפגעדעקט;
ווער איז דער, וואָס האָט געמעגט? —
— קיינער ניט,
קיינער ניט.

וויגט זיך, פלעכט זיך אין דער קייט,
זינגט דאָס ליד פון אַנגסט און טויט,
דרייט אים, דרייט אים און פאַרדרייט
אין דער מיט,
אין דער מיט.

גולם

שטייט אַ צוגעשמידטער

דער פייער האָט מיך נישט געברענט,
די שטיינער — נישט דערשלאָגן;
צערייס זיך, דרייענדיקע ראָד,
צעברעך זיך, צווייענדיקער טאַנץ,
איך בין געשיקט צו גיין
און נישט צו שטיין אין מיטן.

הייל=רוחות

שלענגלט זיך אין צווייען,
פלעכט זיך דריי און דריי,
ביז איר וועט פאַרדרייען,
ביז איר וועט דערהיטן
דעם, וואָס שטייט אין מיטן,
נעמט אַליין זיך דרייען,
טיילן זיך אין צוויי...

ער איז אַ פאַרבליקטער, —
כאַפּט אים און דערשטיקט,

זאָל ער אַ דערשטיקטער
פאַלן דאָ אין מיטן,
העלפט אויף העלפט צעשניטן; —
ער איז אַ געשיקטער,
ווער האָט אים געשיקט?

האָסט אַ האַק גענומען —
שפּאַלט דיין קאָפּ און שוין,
איידער ס'איז געקומען
דער, וואָס האָט געהייסן
דיך אַהער פאַרשטויסן,
און די האַק פאַרנומען
אין זיין האַנט אַליין...

מאַכט אַ וועג, מיר הערן
נאָענט שוין זיינע טריט;
בלייכע שיינען ווערן
בלוטיק-רויט געצונדן
אין אַ זייל אַ רונדן, —
זאָל זיי אויך דערהערן
דער, וואָס אין דער מיט.

שלעגלט זיך צו צווייען
און צערייסט די קייט,
שטעלט זיך אויס אין רייען
שטום און טויט-געשלאָסן,
בלוטיק-רויט באַגאָסן, —
זאָל אַליין זיך דרייען
דער, וואָס איז שוין טויט...

דער טאַנץ פון די רוחות שליסט זיך אויף. די הייל ווערט באַגאָסן מיט אַ רויט-בלוטיקן שיין. שטיל. גולם טוט אַ פאַל צו דער ערד אין טויט-שרעק פון דעם, וואָס זיינע אויגן דערזעען מיט אַמאָל: פון דער אַנטקעגנדיקער זייט, ווו ער האָט באַדאַרפט זיך לאָזן שפּאַנען, קומט אַרויס אַ געשטאַלט, וואָס איז ענלעך דורכויס

צום מהר״ל. דאָס פּנים — מוראדיק קאַלט, בייז ביז רציחה, די אויגן — שטעכיק, דאָס מויל — צונויפגעפּרעסט. ער גייט מיט איינגעהאַלטענע שטייפע טריט אַ באַגאָטענער מיט רויטן שיין. מיט יעדן טראָט, וואָס ער מאַכט, גיט ער אַ קלאַפּ דעם שטעקן אָן באָדן, און יעדער קלאַפּ הילכט אָפּ פון אַלע זייטן

געשטאַלט

האָסט פריִער מיך גערופן — ניין?

גולם

הויבט אויף דעם קאָפּ

ווער ביסטו?

געשטאַלט

ווער בין איך? קענסט מיך שוין נישט, קענסט מיך נישט?

גולם

אָ, ניין, אָ, ניין. דו ביסט נישט רבי.
דו ביסט אַן אַנדערער, נישט ער.

געשטאַלט

נישט ער?

לאַכט בייז

אַ חוצפּה! האָסט געהערט! צי ווייסטו ניט,
אין וועמענס הענט דו ביסט? אין מיינע הענט, —
צו וואָס האָסטו גערופן מיך? איך פרעג דאָך.

גולם

אָ, גיי אַוועק פון מיר, אַוועק, כ'האָב מורא.
דו ביסט אַן אַנדערער, ניט רבי —

געשטאַלט

רעדסט ווידער חוצפּהדיק. פּרוּוו באַכאַמאַל
מיט מיר אַזוי צו רעדן, — זעסט דעם שטעקן.

גולם

אָ, האָב רחמנות.

געשטאַלט

איך בין רבי.

גולם

האָב רחמנות.
וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר? עס האָט מיך עמעצער
פאַרפירט אַהער. דער רבי... דו...

געשטאַלט

וואָס אַרט עס מיך? איך וועל פון דאַנען שוין
דיך קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן. וועסט אייביק דאָ
פאַרבלייבן, אייביק.

גולם

וויל נעמען לויפן ערגעץ, דאָס געשטאַלט פאַרשטעלט דעם וועג

געשטאַלט

לויף ניט, שטיי, פאַרפאַלן.
פון דאַנען גייט מען ניט אַרויס צוריק.

גולם

איך וויל נישט. הערסט — איך וויל נישט. לאָז מיך.

געשטאַלט

נעם איין דיין חוצפה, זעסט דעם שטעקן?
אָט שטעך איך דורך מיט אים די אויגן דיינע,
אָט נעם איך דיינע האָר און פליק זיי אויס,
און קל פ דיר אַלע ציין אַרויס פון מויל,
פאַר יעדן וואָרט אַ צאָן.

גולם

אַוועק פון מיר, אַוועק.

ווארפט זיך מיט די פויסטן און שפרינגט אָפּ צוריק

געשטאַלט

דו הויבסט דיין פויסט אויף מיר, אויף מיר — דיין רבין,
העי, קומט אַהער, אַהער, איר אַלע,
רייסט אויס זיין צונג, ער זאָל ניט קאָנען רעדן,
צעהאַקט אים זיינע פיס, ער זאָל ניט קאָנען לויפן ;
אַנידער צו דער ערד, צעבייסט זיין לייב,
דעם גאָרגל שניידט אים איבער ! . . .

גולם

וועמען רופסטו ?
נישט רוף, נישט רוף.

געשטאַלט

זיי שטום ! איצט זעסטו שוין,
אַז איך בין רבי.

גולם

יאָ, איך זע.

געשטאַלט

איצט ווייסטו שוין,
אַז איך האָב דיך געבראַכט אַהערצו —

גולם

דו, דו.

געשטאַלט

טאָ הער און שוויג. איך בין דיין האַר, איך קאָן
טאָן אַלץ מיט דיר, וואָס נאָר מיין האַרץ פאַרגלוסט ;
איך טו דיר גאָרנישט, ווייל איך שפיל זיך נאָר מיט דיר,
מיט דיר און מיט דיין שרעק און מיט דיין טרויער ;
און ווייטער דאַרף איך דיך אויף גאָרנישט. . .
וואָס קוקסטו, גולם דו, שטיק פלייש, פאַרטעמפּטער מח ?
פאַרמאַך די אויסגעגלאָצטע אויגן דיינע,

פאַל צו צו ערד און ליג. פאַל צו און ליג!...

גולם לאָזט זיך אַרונטער צו דער ערד

אַזוי. דער קאָפּ אַרונטער. נידעריקער, נידעריקער,
דאָס פּנים צו דער ערד נאָך טיפער, טיפער;
אין דרייען דריי זיך אויף און זיך
דורך טאָג און נאַכט, דורך טאָג און נאַכט!...

גולם רוקט אַריין דעם קאָפּ צווישן די קני. דאָס געשטאַלט פאַרשווינדט. די הייל־רוחות קריכן אַרויס, ציען זיך אין רייען, טראָגן זיך לייכט, קוים אָנרירנדיק דעם באָדן

הייל=רוחות

לעשט דעם פלאַם
מיט שטורם=ווינט;
אויף דעם שטורם
רייצט די הינט.
שליידערט שטיינער
אויף די הינט,
אָן די שטיינער
וואַרפט דאָס קינד.

אין אַ זעקל
ליגט דאָס קינד, —
נעמט דאָס זעקל
און צעבינדט.

קוקט אין זעקל
טיף אַריין,
דאָרטן ליגן
פלאַשן ווייַן.

לאָמיר טרינקען
פלאַש נאָך פלאַש
נאָך דעם איינגעשטילטן
רעש.

ער וועט שוין
זיך וויגן דאָ
אין זיין אומזין
שעה נאָך שעה...

אָפּ. גולם זיצט אליין. הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך ארום

גולם

ווו בין איך? וואָס איז דאָ געשען?
ווי קום איך אין דער טיפעניש אַהער?
מיט וועמען האָב איך זיך געדרייט אין טאַנץ?
איך דאַרף דאָך ערגעץ גיין — וווהין? צו וואָס?
פאַר וואָס איז אַזוי שטיל געוואָרן מיט אַמאָל?
און וואָס איז דאָס? אַ האַק? אַ רידעל?
ווו בין איך? ווער האָט מיך געבראַכט אַהער?

לאָזט ארויס א משונהדיקן קלאנג, פארגייט זיך אין אים

איך שריי און קיינער ענטפערט נישט. נישט שרייען?
אַנידערלייגן זיך און ליגן און נישט רופן מער?
אָ, עפעס האָט געבלאַנקט פאַר מיינע אויגן...

ער טוליעט זיך צו דער ערד און בלייבט ליגן. איבער אים אנטפלעקט זיך דער איינו נראה, נעמט אים אָן פאר די אקסלען און טרייסלט אים

אינו נראה

דערזע מיך. איינמאָל און פאַר אַלע מאָל
דערזע מיך.

גולם

שפרינגט אויף מיט אויסגעשטאַרטע אויגן

אינו נראה

לויף נישט. ווו דו זאָלסט נישט גיין,
וועל איך דיר נאָכגיין. קוק אויף מיר און פריי זיך,
דער פריערקער שרעק האָט דיך צעטומלט,
דער טאַנץ האָט דיך פאַרדרייט; איך האָב עס צוגעזען,
און איצט דערזע אויך דו.

גולם

ווער ביסטו? זאָג — — —
ווי קאָן עס זיין?

אינו נראה

נישט פרעג. דערזע, און ווייטער גאָרנישט.

גולם

דיין פנים שיינט ווי מיינער פריער,
און מיר איז פינסטער איצט.

אינו נראה

עס האָט געמוזט געשען, דו זאָלסט כאָטש איינמאָל
אויף זיך אַליין אַ קוק טאָן. איינמאָל און מער קיינמאָל.

גולם

וואָס טו איך דאָ? איך ווייס נישט. אפשר ווייסטו?

אינו נראה

דו ביסט געקומען זען דעם טאַנץ פון אומזין,
דו האָסט געזען דעם אָנפאַנג ערשט נישט לאַנג,
און איך וועל דיר אַנטפּלעקן אויך דעם סוף,
דעם גאַנצן אומזין... האַלסט אין האַנט אַ האַק, אַ רידעל,
דו דאַרפסט זיי נישט... די פלאַשן שטייען אָנגעגרייט.
שטרעק אויס די האַנט און ווייטער גאָרנישט.

גולם

אָ, יאָ איך ווייס שוין. איך דערמאָן מיך.

אינו נראה

צו וואָס דערמאָנען זיך?
וואָס האַרט דיך, אַז דו האָסט פאַרגעסן? ס'איז אַלץ איינס.

דו װעסט דײַן שליחות אָפּטאָן סײ־װי־סײ;
װײַל װאָס זאָל אַנדערש אַ שליח טאָן, אױב נישט
זײַן שליחות? פֿריער, שפּעטער, דאָ צי דאָרטן —
אַלץ אײנס, און אָפּגעטאָן — געענדיקט. אַלץ געענדיקט...
פֿאַר עמעצן, קאָן זײַן, אַז דו פֿאַרשפּעטיקסט; אָבער דו,
פֿאַר זיך אַלײן, װאָס קאָנסטו דאָ פֿאַרשפּעטיקן?...
שטרעק אױס די האַנט פֿון דאַנען, נאָר די האַנט,
עס לױנט זיך נישט קײן טראָט אַפֿילו געבן...

גולם

פֿון דאַנען?

אינו נראה

יאָ, פֿון דאַנען. װאָס איז װײַטקײט? גאָרנישט.
פֿאַרבאָרגענישן זענען זיך פֿון אױבן אױף
פֿון אײביק אָן, און אַלע װעגן זײַנען נאָר אײן טראָט,
און שטערונגען — דאָס זײַנען נאָר אַ שפּיל פֿון די,
װאָס װילן אױף אײן רגע כאָטש זיך אָפּקערן פֿון אומזין.
און װאָס איז בלוט און טױט און לעצטער אָטעם?...

גולם

אָ, איצט דערמאָן איך זיך אינגאַנצן שױן.

אינו נראה

אינגאַנצן שױן?
און װאָס איז דו אַלײן? און איך װאָס איז װי דו?
נישט בלוט, נישט טױט, נישט לעצטער אָטעם.
פֿאַרשטײסט, אַפֿילו לעצטער אָטעם נישט... שטרעק אױס אַ האַנט,
און אױב עס ליגט באַהאַלטן עפּעס װוּ, װעט עס אַלײן
זיך אױפֿהױבן, זיך צוקלעפּן צו דײַנע פֿינגער;
װײַל דאָס, װאָס איז פֿאַרבאָרגן אין דער טיף פֿון הײל,
האָט לאַנג זיך שױן פֿון זיך אַלײן אַנטפּלעקט פֿאַר אַלע אױגן...
אָט ליגט עס, בױג זיך אײן און נעם עס. זעסט?

גולם

גיט אַ קוק אַרונטער און דערזעט: נעבן זײַנע פֿיס ליגט אַ פֿאַרבינדן זעקל

פֿאַרוואָס האָב איך עס פֿריער נישט געזען?

אינו נראה

האָסט זיך אַליין אויך פֿריער נישט געזען.

גולם

איך זאָל עס אויפֿהייבן?

אינו נראה

צו וואָס? זאָל ליגן.

גולם

דו שפּאַסט פֿון מיר. זעסט אויס ווי איך און שפּאַסט פֿון מיר.

אינו נראה

דו ווילסט איך זאָל אַוועקגיין?

גולם

יאָ, כ'האָב מורא.
עס הויבט זיך ווידער אָן די הייל צו דרייען.
אָ, ניין, פֿאַרבלייב.

אינו נראה

צעבינד דעם זאַק און דאַן
פֿאַרלאָז איך דיך.

גולם בינדט אויף דעם זאַק, נעמט אַרויס צווײַ פֿלאַשן, אָנגעפֿילט מיט רויטער פֿליסיקייט

אינו נראה

איצט זעסטו?

גולם

שרייט אויס

בלוט ! בלוט !

אינו נראה

צו וואָס נאָך שרייען ? שטעל אַוועק, זאָל שטיין. . .

פאַרשווינדט מיט אַמאָל. די הייל ווערט באַגאָסן מיט אַ געלבלעך־וועקסענע ליכטיקייט. דער באָדן פון הייל עפנט זיך אויף און עס הייבן זיך אַרויס די אונטערערדיקע, זיי האַלטן אין זייערע דאַרע אויסגעצויגענע הענט אָנגעצונדענע גרויסע ליכט. זייערע קליידער, פון לאַנגן קבר־שלאָף, זיינען צעפוילט און פאַנאַנדערגעפאַלן. זיי גייען אַ שטילן ק[illegible]ד אַרום די פלאַשן, קוים וואָס זיי רירן זיך. די הענט מיט די ליכט אויסגעשטרעקט פאָרויס. דער גולם טוליעט זיך צו אַ וואַנט, קוקט מיט געשפּאַנטקייט אויף אַלץ, וואָס ער זעט

ערשטער אונטערערדיקער

מיט אַן אויסגעלייטערט קול
זינגען מיר צום ערשטן מאָל.

אויפגעשטאַנענע פון שלאָף
צו דערנענטערן דעם סוף.

אויפגעלויכטענע אין פרייד
אין דעם אָנגעזיכט פון טויט.

אַלע איבעריקע

וואַרטן לאַנג די ליכט געגרייטע
אויף די אויפגעוועקטע טויטע,
ביז זיי ווערן אויסגעברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

נישט מיר וויינען, נישט מיר קלאָגן,
נאָר מיר טראָגן, טראָגן, טראָגן
ליכט, וואָס ווערן אויסגעברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

אַז מיר זינגען אָפּ די לידער
פאַלן מיר צוריק אַנידער
מיט די ליכט, אויב ניט דערברענט,
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

ערשטער

ציילט די טריט און ניט פאַרציילט,
ווייל דאָס אָרט איז אויסדערוויילט.

זיבן מאָל אַרומגעדרייט
מיט דעם זיגל־שנור פון טויט.

וועלן קומען באַלד אַהער, —
ווייסט איר דאָך מסתּמא ווער.

אַ ל ע

יאָ, מיר ווייסן ווער דאַרף קומען,
האָבן מיר דערפאַר גענומען
ליכט, וואָס ווערן אויסגעברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

אַז מיר וועלן זיי דערהערן —
זאָלן ליכט פאַרלאָשן ווערן,
זאָלן ווערן אויסגעברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

ווייל מיר ווילן גאָרנישט זאָגן,
נאָר מיר טראָגן, טראָגן, טראָגן
ליכט, וואָס ווערן אויסגעברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

ערשטער

נויגט צום לעצטן מאָל דעם קאָפּ
צו דעם גרענעץ־שנור אַראָפּ.

קערט זיך אום צו אייער שלאָף,
ווייל עס נעננטערט זיך דער סוף.

אַ ל ע

יאָ, מיר האַלטן שוין ביי זיבן,
און אונז זיינען נאָך פאַרבליבן
ליכט אינגאַנצן ניט דערברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

ערשטער

אָ, איך הער שוין פון דער נאָנט
זייער נאָמען ווערט דערמאָנט.

זייער נאָמען גייט פאַרביי,
ווייל זיי זיינען איינס אין דריי.

איינער הערט שוין דאָ פון לאַנג
אונזער לויכטנדן געזאַנג.

אָט דאָ שטייט ער, קוקט זיך צו, —
ווייס ניט וואָס און ווייס ניט ווו...

זעט, זיין קלייד פאַרברענט אויף קויל,
גאָר אַ פרעמדער דאָ אין הייל.

אַ ל ע

זאָל דער פרעמדער שטיין און קוקן
ווי עס צוקן, צוקן, צוקן
ליכט, וואָס ווערן אויסגעברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

ווייל מיר שווערן מיט זיין שאַרבן:
ער וועט שטאַרבן, שטאַרבן, שטאַרבן... —
ליכט, פאַרלעשט זיך נישט דערברענט
אין די אויסגעשטרעקטע הענט.

פאַרלעשן די ליכט און זינקען איין צוריק, פון וואַנען זיי זיינען אַרויס

גולם

אַז איך בלײַב שוין אײביק דאָ,
װעל איך זיצן אין דער מיט
פֿון דעם אױסדערװײלטן אָרט
אין די אױסגעצײלטע טריט.

קײנע רוחות הער איך מער,
נאָר אײן אײנעם — פֿון די ליכט;
ליגט דער טױט אױף מײַנע הענט,
און די הענט — אױף מײַן געזיכט.

זעצט זיך אין דעם אָנגעצײכנטן רינג. אַן אומזעבאַרע האַנט שטױסט אַרײַן אין הײל דעם יונגן בעטלער אַ צוגעשמידטן צו אַ לאַנגער קײט. דער שטױס איז אַזױ גרױס, אַז דער בעטלער פֿאַלט צו דער ערד. ער ליגט אַ װײַלע און שטעלט זיך אױף

יונגער בעטלער

ענדלעך בין איך דאָ,
ענדלעך בין איך פֿרײַ,
אין דער לעצטער שעה
אײנער פֿון די דרײַ.

פּלאָנטער מײַנע פֿיס,
רינגלדיקע קײט,
יעדער װונדן־ריס
נענטערט מיך צום טױט.

װײַל איך קום אַרײַן
נישט אַרױסצוגײן,
אין דעם לעצטן פּײַן
טרײסטן זיך אַלײן.

װײטאָק פֿון מײַן לײַב,
גראָב זיך אײַן אין שטײן;

איך פאַרבלייב, פאַרבלייב
טרייסטן זיך אַליין.

טאַפּט אין דער פינסטערניש

ווּ זיינט איר? רופט זיך אָפּ,
מיר דאַרפן זיין דאָ דרייען, דרייען,
דרייען,
דערנענטערן זיך קאָפּ צו קאָפּ,
די פריינטשאַפט צו באַנייען.

די וועלט — באַזונדער, מיר — באַזונדער,
קיינער נישט אין מיטן,
דער אומזין פון די לעצטע, לעצטע, לעצטע
וווּנדער
וועט אַליין אונז היטן.

ווּ ביסטו, הער מיין קול,
געגנעגלטער צום צלם;
מיר מאַכן פרידן, פרידן, פרידן
היינט אויף אַלע מאָל, —
און דו ווּ ביסטו, גולם?..

ער שלאָגט זיך אָפּ אָן גולם

גולם

אַוועק פון מיר, איך זיץ אין מיטן,
ווייל איך בלייב אויף אייביק דאָ.

יונגער בעטלער

נעם מיך אויך צו זיך אין מיטן,
איך בלייב אויך אויף אייביק דאָ.

גולם

זעץ זיך, נו. און ווּ איז דער,
דער וואָס דאַרף דער דריטער זיין.

יונגער בעטלער

באַלד וועט אָנקומען אויך דער,
ווער עס דאַרף דער דריטער זיין.

גולם

רעדסטו איבער מיינע רייד,
ווי איך זאָג זיי וואָרט נאָך וואָרט.

יונגער בעטלער

דיינע רייד איז מיינע רייד,
זאָג איך איבער וואָרט נאָך וואָרט.

גולם

וויקלסט אַלץ נאָך דיינע ווונדן?

יונגער בעטלער

יאָ, איך בינד נאָך אַלץ די ווונדן.

גולם

פוי, אַ פוילקייט טראָגט פון דיר.

יונגער בעטלער

יאָ, אַ פוילקייט טראָגט פון מיר.

גולם

שרייט

שטילער.

ביידע זיצן און שווייגן

יונגער בעטלער

כ'האָב מיין גומען דעם פאַרדאַרטן
ניט באַנעצט שוין צוויי מעת לעת.

גולם

טרינק, אָט וואַרטן
אָנגעפולטע פלאַשן צוויי.

יונגער בעטלער

כאַפּט אַ פלאַש, עפנט אויף, וויל טרינקען און שרייט אויס דערשראָקן
בלוט!

גולם

צו וואָס נאָך דער געשריי?
שטעל אַוועק צוריק, זאָל שטיין...

אַן אומזעבאַרע האַנט שטויסט אַריין דעם מאַן מיטן גרויסן קרייץ
אויף די אַקסלען. ער בויגט זיך אונטערן לאַסט פונם קרייץ

דער מאַן מיטן קרייץ

ענדלעך בין איך דאָ.
ענדלעך בין איך פריי.
אין מיין לעצטער שעה
איינער פון די דריי.

דריק מיך, קרייץ, צום ערד,
ווי פון אייביק אָן;
איך האָב שוין געהערט,
וואָס איך דאַרף דאָ טאָן.

טאַפּן אָן די ווענט
אויסגעלייזט צו זיין,
וואַרטן אויף דער ענד
אינם לעצטן פּיין.

נעגל פון די הענט,
דאָרן פון מיין קאָפּ,
קריצט זיך אין די ווענט,
ביז איר קריצט זיך אָפּ...

טאַפּט אין דער פינסטער און רופט

ווו זיינט איר, רופט זיך אָפּ;
איך בין אַליין, אַליין, אַליין, —
פאַרשטויסן.

בישט וואַרף פון זיך דעם קרייץ אַראָפּ —
מיין האַר האָט מיר געהייסן.

געבענטשט זאָל זיין זיין מויל דערפאַר,
איך קען נאָר בענטשן, בענטשן, בענטשן
און פאַרגעבן;
מיין קנעכט געוואָרן איז מיין האַר,
מיין קעניגרייך דאַנעבן.

שלאָגט זיך אָפּ אָן די זיצנדיקע צוויי

גולם

שטיי, מיר זיצן דאָ אין מיטן,
ווייל מיר בלייבן אייביק דאָ.

דער מאַן מיטן קרייץ

בעמט מיך אויך אַריין אין מיטן,
איך בלייב אויך אויף אייביק דאָ.

גולם

זעץ זיך, נו. מיר זיינען דריי,
זיינען מיר שוין אַלע דאָ.

יונגער בעטלער

זיינען מיר שוין אַלע דאָ.

דער מאַן מיטן קרייץ

אַז מיר זיינען דאָ אין דרייען,
זיינען מיר שוין אַלע דאָ.

גולם

רעדסטו אויך אזוי ווי ער,
זאָגסט מיר איבער וואָרט נאָך וואָרט.

דער מאַן מיטן קרייץ

דיינע רייד איז מיינע רייד,
זאָג איך איבער וואָרט נאָך וואָרט.

גולם

טראָגסט נאָך אַלץ אויף זיך דעם קרייץ ?

דער מאַן מיטן קרייץ

יאָ, איך טראָג נאָך אַלץ דעם קרייץ.

גולם

פוי, אַ טויטקייט טראָגט פון דיר.

דער מאַן מיטן קרייץ

אָ, אַ טויטקייט טראָגט פון מיר.

גולם

שטילער, זיץ און שווייג.

דער מאַן מיטן קרייץ

דורשטיק בין איך.

גולם

טרינק, אָט שטייען
אָנגעפולטע פלאַשן צוויי.

דער מאַן מיטן קרייץ

נעמט צום מויל און שרייט אויס

בלוט !

גולם

וואָס שרייסטו ? קאָנסט ניט טרינקען ?
שטעל אַוועק, זאָל שטיין.

די הייל-רוחות קומען און דרייען זיך אַרום זיי אין אַ באַנייטן טאַנץ

הייל-רוחות

נאָכאַמאָל

און נאָכאַמאָל.
זיינען אַלע דריי שוין דאָ,
אויפנעמען די לעצטע שעה,
אויסער זיי איז מער נישטאָ
קיינער נישט,
קיינער נישט.

ליגט דער צלם אויף דער האַק,
און די קייטן אויפן זאַק;
נענטער, נענטער, באַק צו באַק,
אין דער מיט,
אין דער מיט.

רונד אַרום,
רונד אַרום.
נאָכאַמאָל און נאָך און נאָך.
מיר פאַרטאַנצן אייער בראָך;
ווער מיר זיינען, ווייסט איר דאָך. —
קיינער נישט,
קיינער נישט.

זיינען גוט באַוואַכט, באַהיט
אייערע געטויטע טריט,
זיצט געהאַלזטע זאַלבאַדריט
אין דער מיט,
אין דער מיט.

זייער טאַנץ ווערט שווינדלענדיקער און שווינדלענדיקער

אָ, דערלייזער, איר דערלייזער,
זייט דערלייזט!
הערט, מיר זיינען אויף אייך גוזר
מיט אַ האַנט ניט צו פאַרברעכן,
זיך אַן אויג נישט אויסצושטעכן
פון גרויס טרייסט.

ענדלעך זיך אַהער דערשלאָגן,
ענדלעך רוט;
אייער יאָך האָט איר דערטראָגן,
און וואָס קאָנט איר מער נאָך ברענגען? —
זיצט און קוקט, ווי מיר פאַרהענגען,
מיר צעגיסן, מיר צעטראָגן
טויטע בלוט.

אייער קעניגרייך פון דאַנען
איז געקרוינט;
מיר, ווי טרייע אונטערטאַנען,
רינגלען אייך אַרום אין מיטן
און פאַרווײלן אייך און היטן
ניט באַלוינט.

נעמט, באַזאַלבט די קעפּ, דערלייזטע,
זיך אַליין.
בוקט זיך צו דער ערד, געגרויסטע,
דריקט ביז אָנמאַכט זיך די שלייפן,
ביז אַ פייער וועט פאַרלויפן
אייער קרוין...

הייל־רוחות אָפּ. עס קומען אַרויף די אונטערערדיקע מיט די ניט דער־
ברענטע ליכט אין די הענט, גייען אַרום די דריי אַ קאַרעהאָד מיט דער זעלבער
שטילקייט וואָס פריער

ערשטער

מיט אַן אויסגעלייטערט קול
זינגען מיר צום לעצטן מאָל

אויפגעשטאַנענע פון שלאָף
צו דערנענטערן דעם סוף.

זעט, זיי זיצן זאַלבאַדריט,
רירן זיך ניט, רעדן ניט.

ווער זיי זיינען, ווייסט איר דאָך —
זינגט דאָס ליד פון זייער בראָך.

אַ ל ע

מער נישטאָ שוין וואָס צו זינגען.
ליגט דער קרייץ — נאָר ניט צום טראָגן,
ליגט די קייט — נאָר ניט צום קלינגען,
ליגט די האַק — נאָר ניט צום שלאָגן.

זינגען מיר דאָס ליד פון גאָרנישט.

מיר פאַרשליסן קיינעמס ברעמען, —
סיי ווי ווערן זיי פאַרשלאָסן ;
קיינעמס טרערן מיר פאַרנעמען, —
סיי ווי ווערן זיי פאַרגאָסן.

זינגען מיר דאָס ליד פון גאָרנישט.

אונזער פוס אויף קיינעמס וועגן,
ניט מיר וועקן, ניט מיר טויטן ;
גייט אונז קיינער ניט אַנטקעגן,
און אויך קיינער ניט באַגלייטן. —

זינגען מיר דאָס ליד פון גאָרנישט.

האָבן מיר נישט וואָס צו יאָגן,
דרייען זיך ווי שטיל מיר קענען,
און מיר טראָגן, טראָגן, טראָגן
ליכט, וואָס קאָנען שוין ניט ברענען. —

זינגען מיר דאָס ליד פון גאָרנישט.

ערשטער

קיין געשריי און קיין געוויין, —
זיצן ווי געהאַקט פון שטיין.

ווילדע ווערעם פויזען אום
אין דעם האַרץ פון זייער רום.

ניט דערפרייט און נאָר גענאַרט
דעם, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט.

ניט באַלוינט און נאָר באשטראָפט
דעם, וואָס האָט אויף זיי געהאָפט.

נאָר אַן אויסרייד, נאָר אַ שפּאַס
פאַר דעם לעצטן נאר פון גאַס.

אַ ל ע

אַז זיי זיצן שטום געזונקען
פלאָנטען זיך ביי אונז די צינגער,
ערגעץ וואָלטן מיר געוווּנקען —
גליווערן ביי אונז די פינגער.

זינגען מיר דאָס ליד פון אומזין.

אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען,
האָט שוין לאַנג זיך אויסגעלאָזן;
ווו אַ פוס איז ניט געגאַנגען
האָט דער ווינט שוין לאַנג פאַרבלאָזן, —

זינגען מיר דאָס ליד פון וואַנזין.

הענט, וואָס ברעכן זיך אין צאָרן,
בלייבן ווי געווען פאַרבראָכן;
ווייל דערפילט איז שוין געוואָרן
אַלץ, וואָס איז געווען פאַרשפּראָכן, —

זינגען מיר דאָס ליד פון אומזין...

ערשטער

לאַנגזאַמער די טריט פאַרהאלט,
דאָס געזיכט אין זיך באַהאַלט.

קיינמאָל וועלן מיר שוין מער
קומען דרייען זיך אַהער.

איינגעהאַלטענער דעם קול,
ווייל דאָס איז דאָס לעצטע מאָל.

טוט אויף אַלע ליכט אַ שפּיי
און פאַרלאָזט די שטומע דריי...

אַלע

שפּייען וועלן מיר ניט דאַרפן,
ווייל דער פלאַם אַליין פאַרגייט;
נעמען מיר און מיר צעוואַרפן
אויף די דריי דעם טויטן קנויט. —

גייען מיר צוריק אין קבר.

טרייסלט, טרייסלט אָפּ די פינגער,
מאַכט אַ שפּאַן און דרייט זיך אום,
גיט אַ צי צום האַלז די צינגער,
ווערט אויף עולם־ועד שטום, —

גייען מיר צוריק אין קבר.

די ליכט גייען אויס אין זייערע הענט. פינסטער. אַלע פאַרשווינדט. עטלעכע רגעס גייען דורך. עס דערהערן זיך טריט און ס'באַווייזט זיך אַ שיין. מהר״ל איילט אַריין מיט דער לאַמטערן אין האַנט. גולם זיצט איינער אַליין און וואַכט איבער די צוויי פלאַשן. זיינע אויגן זיינען ברייט צעעפנט און זיין גאַנצער פּנים זעט אויס ווי וואַנזיניק. ער גיט ניט קיין ריר מיט קיין אבר

מהר״ל

דו זיצסט גאָר? ווי, וואָס טוט זיך דאָ?
וואָס שווייגסטו?

דערזעט די פלאַשן

אויסגעפּונען? גיכער טראָג עס אָפּ.
וואָס זיצסטו?

גולם

קערט ניט אָפּ דעם קאָפּ. שטום

מהר"ל

ענטפער, רעד.
וואָס איז געשען ?

גולם

ענטפערט נישט

מהר"ל

דו זעסט ניט ווער עס רעדט צו דיר ?

טרייסלט אים פאַר די אַקסלען

איך הייס דיר רעדן.
דערקענסט מיך נישט ? ביסט שטום געוואָרן ?

גולם

טוט אַ קוק אויפן מהר"ל. לאָזט ווידער אַרונטער דעם קאָפּ

ווער ביסטו ? גיי אַוועק.

מהר"ל

דו ווייסט נישט ווער איך בין ?

גולם

איך ווייס נישט. גאָר נישט. לאָז מיך.

שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי

ביסט ווידער דאָ מיך פּייניקן ? אַוועק, אַוועק.

מהר"ל

וואָס איז מיט דיר ? ביסט שוואַרץ, צעבערענט.
וואָס טוסטו ווידער ?

גולם

לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד

לאָז מיך, לאָז מיך.
נישט רעד צו מיר. איך ווייס נישט. עפּעס האָט געבערענט,

נעבילט, געשטורעמט און געטאַנצט
געזונגען און געשטאָרבן... נעם דאָס בלוט צוריק!
נעם צו, נעם צו פון דאַנען...

מהר״ל

נעמט אים פאַר א האַנט

באַרויק זיך. דערזע מיך. קום צו זיך.

גולם

זינקט אין זיין פאַרגליווערונג

מהר״ל

דערקענסט מיך אַלץ נאָך ניט?

גולם

ווער ביסטו?

מהר״ל

איך, דער רבי.

גולם

דער רבי? ווער איז דאָס אַזוינס דער רבי? ווילסט זיך זעצן?
מען טאָר נישט. גיי נישט צו צו מיר. נישט ריר מיך אָן.
דאָס אָרט איז אָפּגעצייכנט, אָפּגעצאַמט, אַרומגעדרייט
פאַר מיר אַליין און מער פאַר קיינעם.

מהר״ל

אויב וואַנזין האָט אַזוי צעקרימט דיין פּנים,
זאָל אָפּטאָן זיך פון דיר דער וואַנזין. הער, פאַרנעם,
דו שפּילסט זיך מיט דיין לעבן. האָסט דיין שליחות
נאָך נישט דערפירט צום סוף און שוין האָסטו
אין שרעק און משוגעת איינגעזונקען, אומגליקלעכער דו!
וואָס האָסטו מיט דיין ליכטיקייט געטאָן און מיט דיין פרייד?
ווי האָסטו זיי צעזייט, צעוואָרפן?

אַ פינסטערניש, אַ ווילדער שרעק אויף דיר, —
וואַך אויף, אויב דיינע אויגן זיינען בלינד געוואָרן,
גיי זוך מיט בלינדע אויגן, ברענג צוריק
די ליכטיקייט, וואָס איך האָב דיר געגעבן.
וואַך אויף!

גולם

אָ, וועק מיך נישט. עס איז מיר גוט אַזוי.
איך וועל זיך לייגן און וועל ליגן. שוין. איך ליג שוין.

לייגט זיך און דרייט זיך אויף

מהר"ל

איך הייס דיר אויפשטיין, זיין דער זעלביקער וואָס פריער,
זאָל אָפּטאָן זיך דאָס בלענדעניש פון דיינע אויגן,
און דאָס צעקרימעניש פון דיין געזיכט זאָל ווערן אויסגעגלייכט.

גולם

אָ, ווער דו זאָלסט נישט זיין, נישט פייניק מיך.

מהר"ל

גיי שנעלער, ענדיק דיין שליחות.

גולם

וועלכע שליחות?
דו ביסט אַ פרעמדער דאָ, וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר?
דו זעסט, אָט דרייט זיך ווידער אַלץ אַרום...
אָט ווערט מיר גוט, אָט ווערט מיר ליכטיק... זע,
איך האָב שוין מער קיין מורא נישט... איך ווייס שוין אַלץ.
אָט שעפּט זיך אויס דער אָטעם פון מיין האַרץ. —

מהר"ל

דיין שליחות מוזטו ענדיקן. דו מוזט.

גולם

ניט רוף מיך. לאָז מיך איבער דאָ. אויף אייביק.

מהר"ל

דיין שליחות מוזטו ענדיקן, דו מוזט.

גולם

אָ, שטילער זיי... אָט גייען זיי, אָט קומען זיי.
צו מיר אַליין...

מהר"ל

ווער קומט?

גולם

צי זעסטו נישט, צי הערסטו נישט?
זיי שטילער, שטילער, שטילער...

שטעלט זיך פּלוצלינג אויף, צעעפנט זיינע אויגן, פאַלט צו צום מהר"ל

אָ, רבי, רבי. דו ביסט דאָ? אָ, רבי מיינער!...

די לעצטע שליחות

אין פאַליש פון דער אַלטער שול. פרייטאָג צו נאַכט צו קבלת-שבת. דורך דער אַנטקעגנדיקער אָפענער טיר זעט מען אַ טייל פון דער שול: אָרון-קודש, הענגלייכטער און דעם אָנקומענדיקן שבתדיקן עולם. לינקס אַ טיר צום הויף. דער גולם ליגט אויף אַ באַנק: ער זעט אויס אָפּגעלאָזן, פאַרוואַקסן, אויסגעדאַרט און פאַרשלאָפן. איז פוס געשוכט, דער צווייטער באָרוועס. דער צווייטער שוך וואַלגערט זיך אויפן דיל

גולם

שפּרינגט אויף מיטן גאַנצן כח, מאַכט צו די טיר פון שול. פאַלט צו צוריק צו זיין געלעגער

שמש

קומט אַריין

נעהערט אַ זעץ! ווו מיינסטו ביסטו?
וואָס אַרט דיר, אַז די טיר איז אָפן?

גולם

אַז איך פאַרמאַך, זאָל זיין פאַרמאַכט. און זיי
זיי טוען נאָר און עפענען און עפענען.
פאַרמאַכט, זאָל זיין פאַרמאַכט.

שמש

געזען אַ ביסל — ער פאַרמאַכט! ווער ביסטו דאָ?
געהערט אַ העזה?

גולם

מורמלט

פאַרמאַכט זאָל זיין פאַרמאַכט, זאָל זיין פאַרמאַכט.

שמש

וואָס מורמלסטו ? רעד העכער.

גולם

זייער דאגה.

קערט זיך אום מיטן פנים צום וואַנט

שמש

און וויפיל איז דער שיער צו ליגן ?
שוין באַלד קבלת־שבת און דער רב
קומט אויך שוין באַלד, און דו האָסט נאָך
די שיך נישט אָנגעטאָן אפילו.

גולם

וועלכע שיך ?

שמש

וואָס מיינסטו וועלכע ? דיינע שיך, נישט מיינע.

גולם

איך טראָג דאָך איינעם, זעסט נישט ?

שמש

אומזיסטע רייד מיט דיר, אומזיסטע רייד.

גולם

דערלאַנג מיר, וועל איך אָנטאָן.

שמש

דערלאַנגען דיר ?

גולם

דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט. אַוועק פון מיר.

שמש

מען טאָר נישט אומגיין באָרוועס אין אַ שול.

גולם

שווייגט

שמש

דו הערסט נישט, וואָס מען רעדט צו דיר? ביסט טויב?
מען דאַוונט דאָך שוין באַלד.

גולם

איך קען נישט דאַוונען —

שמש

ביסט ווילד, מען דאַרף דיך דורכטרייבן פון דאַנען.

גולם

דער רב איז נאָך נישטאָ? נישטאָ?

שמש

וואָס איז?

גולם

אַזוי. גיי זאָג אים, אַז איך רוף אים.
גיי, זאָג, ער זאָל מיר צוטראָגן דעם שוך.

שמש

דעם שוך? דער רב?

גולם

וואָס פרעגסטו איבער? הערסט נישט?

שפּרינגט אויף

גיי, זאָג, איך רוף אים. יאָסל רופט אים.

שמש

אַזאַ מין העזה; האָסט געהערט. משוגענער.

גולם

איך זאָג דאָך: גיי.

וואַרפט זיך צו אים

שמש

לויפט צום טיר

איר הערט, יידן, יידן!

גולם

פאַלט צו צוריק אויף זיין געלעגער

שמש

ביים טיר

דער מענטש איז נישט ביים זינען. אַנדערש נישט.
די גאַנצע צייט געוואַלגערט זיך אין פינפער־טורעם,
געזאָלט אַ העקער זיין, אַ וואַסער־טרעגער;
אַז אָך און ווי שוין, ווען איך וואָלט באַדאַרפט
אויף זיינע האָלץ און וואַסער וואַרטן. איצטער נאָך
אין פאַלוש אים אַריינגעזעצט, אַ באַנק געגעבן,
און עסן, טרינקען, אָפּגעהיט; און ער — ווי גאָר נישט,
דאָס שלאָפט ער אָן אַן אויפהער צוויי מעת לעת,
און אָט שוין דריטע נאַכט ער מאַכט נישט צו קיין אויג.
אַ מורא כ׳לעבן.

גולם

היינט וועל איך נישט שרייען,
כ׳וועל שטיל זיין.

שמש

וועסט שטיל זיין? יאָ, האָסט נעכטן אויך געזאָגט,
און דאָך אַ גאַנצע נאַכט געדרעוועט, נישט געלאָזט
קיין אויג פאַרמאַכן קיינעם. פול דער הויף געוועזן.

גולם

כ׳וועל שטיל זיין היינט. כ׳וועל שטיל זיין.

שמש

נעם וואַש זיך בעסער איין, טו אָן די שיך.
דאָך שבת אויף דער וועלט, און וואָס נאָך פאַר אַ שבת!

גולם

אַוועק פון מיר.

שמש

צי האָסטו נישט געהערט פון גרויסן נס?

גולם

פון וועלכן נס? פון וועלכן נס? אָ, לאָז מיך.

ציט זיך אויס מיטן פנים אַרונטער און ליגט

שמש

משוגע אויף אַן אמת.

עפנט די טיר אַרויסצוגיין

גולם

רופט

שיק דעם רב אַהער. ר׳ לוין שיק.

שמש

שטיי אויף און קום אין שול אַריין. וואַש אָפּ דאָס פנים.

גולם

אַז ער וועט קומען וועל איך אויפשטיין, וועל זיך איינוואַשן,
אַז ער וועט קומען.

שמש

האָסט געהערט אַזוינס?

גולם

אַ גאַנצע וואָך, אַז איך בין דאָ, און ער איז נאָך
קיין איינמאָל נישט געקומען צען מיך.

שמש

ער צו דיר זאָל קומען?

גולם

אַוועקגעוואָרפן האָט ער מיך, אַוועקגעוואָרפן,
אַרייַנגעזעצט אַהער און קומט נישט.
און איך האָב זיך אַזוי ביי אים געבעטן:
נישט פיר מיך פון דער הייל אַרויס און פון דער פינסטערניש.

שמש

פון וועלכער הייל?

גולם

דו ווייסט נישט? יענע הייל.

שמש

איך ווייס נישט, וואָס דו רעדסט.

גולם

איך טאָר נישט אויסזאָגן, דערציילן, שטום בין איך,
אַוועק פון מיר. איך טאָר נישט רעדן. שטום בין איך.

שמש אָפּ אין שול. לאָזט אָפן די טיר. יידן רוקן אַריין די קעפּ, קוקן אַריין און פאַרשווינדן. דער הויכער און דער רויטער קומען אַריין, שטייען ביים טיר

הויכער

איך זאָג דיר — ער, איז ער. דער זעלבער יאָסל.

רויטער

דערמאָן אים נישט ביים נאָמען, שאַ.

הויכער

עס מאַכט נישט. זעסט? ער גיט זיך נישט קיין קער אפילו.

רויטער

געדענקסט, ווי דאָרט פֿלעגט ער אַריינשפּרינגען
ווי נאָר מען פֿלעגט אַרויסרעדן זיין נאָמען?

הויכער

צי איך געדענק? אודאי.

רויטער

וואָס, ער שלאָפט?
ער קאָן נאָך באַלד אַ שפּרונג טאָן.

הויכער

מען זאָגט, ער שלאָפט אַ גאַנץ מעת לעת אָן אויפהער.

רויטער

געדענק מיין וואָרט: ס'איז עפּעס דאָ פאַראַנען.
איך זאָג דיר באַכאַמאָל: אַ סוד איז דאָ, אַ סוד.

הויכער

אַ סוד? אַ מענטש אַ גולם, ווייטער גאָרנישט.

רויטער

געדענקסט די צוויי די וואַנדערנדע בעטלער?

הויכער

צי איך געדענק!

רויטער

און זייער שרעק פֿאַר אים.
ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען — קיין וואָרט נישט מער,
אַרויסגעלאָפן ווי פאַרכאַפּטע.

הויכער

ווער קאָן וויסן?
דער רב אַליין האָט דאָך געהייסן זיי אַוועקגיין;
מסתמא האָט דער רב זיי שוין געקענט פון פריער
און נישט געוואָלט זיי זאָלן בלייבן דאָ אין פּראָג.

רויטער

דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר דערציילן? —
טאַדעושן האָט ער געשלאָגן, ער —

הויכער

ער?
ער איז מיט אונז צוזאַמען דאָך אַרויס פון טורעם.

רויטער

איך זאָג דיר ער, — איז ער.

הויכער

פון וואַנען ווייסטו?

רויטער

איך ווייס. ווייל יענע נאַכט האָט מיר
די אויגן אויפגעעפנט. וואָס און ווער — איך ווייס נישט
איך ווייס נאָר: עפּעס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּראָג.
ווען אַלע זײַנען מיר, אַרויסגעטריבענע, געגאַנגען
פון פינפער־טורעם מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס,
געגאַנגען שטום, געדענקסט, גאַס איין, גאַס אויס,
און נישט געוווסט אין וועמענס טיר אַ קלאַפּ טאָן, —
און ער אַהינטער אונז — אַ ריזיקער, אַ שווערער,
מיט ליידיקן, די הענט אַראָפּגעהאַנגענע אַרונטער,
די פיס — ווי האַמערס צוויי... אָט דאָ אין האַרץ
האָט מיר געזעצט אַ יעדער טראָט פון זיינע פיס...

און ווען מיר האָבן פּלוצלינג זיך אַרומגעקוקט
און אים דערזען אַן אָפּגעשטאַנענעם פון אונז, —
ער שטייט אין מיטן גאַס און רירט זיך נישט פון אָרט.
געדענקסט?

הויכער

ס'איז גוט געווען, וואָס ער איז אָפּגעשטאַנען.

רויטער

און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן גאָר צו רופן אים,
מיר דאַכט, ער שטייט נאָך איצט אַזוי אַן אָפּגעשטאַנענער
אין מיטן גאַס, די הענט אַראָפּגעהאַנגענע אַרונטער,
און הערט און זעט, ווי עפּעס שפּילט זיך אָפּ אין פּראָג...

הויכער

אַ נאַכט געווען, אַ נאַכט.

רויטער

און ער איז דאָך צוריק אַוועק אין פינפער־טורעם,
און דאָרט פאַרבליבן, ווייסטו?

הויכער

יאָ, מען זאָגט אַזוי.

שמש קומט אַריין

שמש

מען דאַוונט באַלד. דער רב איז שוין געקומען.

גולם

חי ער איז געלעגן די גאַנצע צייט מיטן פּנים צום וואַנט. שפּרינגט אויף

געקומען שוין? געקומען?

שמש

יאָ, וואָס איז?

הויכער

דערשראָקן

אַ שרעק צו קוקן.
ס'איז גאָרנישט ער. אַן אַנדערער געוואָרן.

רויטער

אויסגעדאַרט, פאַרוואַקסן.
ער זעט אונז נישט, צי ער דערקענט נישט.

גולם

איך דאַרף זיך אָנטאָן, גיכער! מיינע שיך!

געפינט דעם שוך, נעמט אָנטאָן און טוט אים צוריק אַ שלײַדער

אַהערצו זאָל ער קומען – וועל איך אָנטאָן.
גיי שיק אים מיר, איך וואַרט.

שמש

איר הערט אַ משוגעת?

רויטער

און אפשר דאַרף ער אים? ווער ווייסט?

גולם

איך וויל אים זען.

רויטער

אין שול אַרײַנגיין האָט איר מורא?

גולם

אַז ער האָט מיר געהייסן דאָ זיין שטענדיק,
אַרײַנגעשפּאַרט צָהער און וויל נישט קומען.

זיצט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ

הויכער

מסתמא האָט איר עפּעס שלעכטס געטאָן.

גולם

ברומט עפּעס אויס

רויטער

דערלאַנגען איך דעם שוך ?

גולם

אַוועקט פון דאַנען.

רויטער

מיר זיינען דאָך אין שול און נישט אין טורעם.

גולם

שטעלט זיך אויף. די אויגן געווענדט צום רויטן

אין טורעם ?

הויכער

די זעלבע אויגן, זעסט נישט ? קום אַוועק.

רויטער

אָט שטייט ער ווידער, ווי אין גאַס דאָרט,
די הענט אַראָפּגעהאַנגענע אַרונטער, שטייט און הערט,
ווי עפּעס שפּילט זיך אָפּ אין פּראָג...

שמש

וואָס רייצט איר זיך מיט אים ?

רויטער

איך רייץ זיך נישט. איך וויל אים נאָר דערציילן :
דער טורעם שטייט שוין לער איינגאַנצן.

גולם

לער?

רויטער

און אַלע טירן זיינען צוגעקלאַפּט מיט ברעטער.
און אויך די פענסטער.

גולם

וועל איך זיי צוריק פאַנאַנדערעפענען.

רויטער

וועט שמעצער זיי נאָכאַמאָל פאַרקלאַפּן.
אַז שלאָפן שלאָפט דאָרט קיינער סיי ווי סיי נישט.

גולם

איך גיי צוריק אַהין. איך וויל נישט זיין דאָ.

רויטער

ווער לאָזט אייך נישט?

גולם

דער רבי לאָזט נישט.

מיט קולות

גייט שיקט דעם רבין!

קלאַפּט אין וואַנט

שיקט דעם רבין!
און איר, וואָס דאַרפט איר דאָ? ווער זיינט איר?

מיט אַמאָל

פון דאָרט געקומען? צוגעקלאַפּט די טירן און אַוועק?
געלאָזט אַליין דעם פינפער־טורעם, האַ? געלאָזט אַליין?
און דער, וואָס זיצט דאָרטן און וואַרט אויף מיר,
קאָן קיינמאָל נישט אַרויסגיין שוין אַנטקעגן מיר.

רויטער

וועך וואַרט דאָרטן אויף אייך ?

גולם

וואָס מיינסטו — ווער ?
אַז איך בין דאָ, איז ע ר דאָרט איין־אַליין.
איך הער די גאַנצע צייט ער רופט מיך קומען,
ער רופט מיך מיט אַ שטיקנדיקן קול,
אַזוי ווי עמעצער וואָלט אים בײַם האַלז געוואָרגן.
איך ווייס שוין איצט: די טירן זיינען צוגעקלאַפּט.
אַוועקט פון מיר ! אַרויס פון דאַנען !

וואַרפט זיך צו זיי שלאָגן. אין דעם קומט אַריין מהר״ל

מהר״ל

בישט הויב קיין האַנט !

גולם

דרייט זיך צוזאַמען. ער שפּירט אויף זיך מהר״לס בליקן און בויגט אַרונטער דעם קאָפּ. פּלוצלינג — מיט פרייד

אָ, רבי.

מהר״ל

אויף וועמען הויבסטו דיינע הענט ?

גולם

שטאַמלט

אָ, זיי מיר מוחל, רבי.

מהר״ל

צו די ייִדן

גייט אין שול אַריין.

די ייִדן אָפּ

מהר"ל

דער שמש זאָגט — דו ווילסט מיך זען.

גולם

שווייגט

מהר"ל

וואָס שווייגסטו ? רעד. דו ווילסט עפּעס ?

גולם

וואָס זאָל איך ווע‏לן !

מהר"ל

האָסט דאָך מיך גערופן.
און — באַרוועס גאָר !

גולם

דו ווילסט, איך זאָל זיך אָנטאָן, רבי ?

מהר"ל

צי איך וויל ?

גולם

אַז דו האָסט מיך פאַרלאָזט.

מהר"ל

אַזוי פאַרוואַקסן, חשך, נישט אַרומגעוואַשן.
דער שמש זאָגט — דו שלאָפסט נישט גאַנצע נעכט.

גולם

איך קאָן נישט שלאָפן. איך האָב מורא.

מהר"ל

פאַר וועמען

גולם

אַ גאַנצע נאַכט האָט נעכטן מיך געשראָקן
מיין רעכטער אַקסל.

מהר"ל

פאַר וואָס דער רעכטער?

גולם

איך ווייס נישט, רבי. אָט האָב איך מיט ביידע אויגן
זיך אָפּגעקערט צום לינקן אַקסל; מיט אַמאָל
איך זע, דער רעכטער נעמט זיך הויבן, הויבן,
וואַקסט אויס און קריכט אַריבער אויף דער צווייטער זייט.
איך פאַל אַנידער מיטן פּנים צו דער ערד,
באַהאַלט די אויגן, ליג. און ווידער הער איך
ווי עמעץ טוט אַ ריס דעם קאָפּ מיר פון דער ערד,
און צווינגט מיך ווידער קוקן אויפן אַקסל.

מהר"ל

און וואָס דערנאָך?

גולם

איך זע, איך קאָן זיך נישט באַהאַלטן.
מיין אַקסל פלוצלינג נעמט און רייסט זיך זאָפּ
און ווערט אַ לאַנגע האַנט פון דאַנען ביזן טורעם.
די פינגער, אויסגעבויגענע, פאַרוואַרפן זיך אַרום מיין האַלז,
ווי עמעצער וואָלט וועלן מיך אַרומנעמען און קושן.
אָט ציט זיך אויס די האַנט און נעמט מיך רופן,
און אַלע פינגער ווינקען, ברעכן זיך און קנאַקן,
און ווייגען נעמען אַלע פינגער, יאָמערן,
און דער געוויין איז לאַנג פון דאַנען ביזן טורעם...

מהר"ל

און דו האָסט נאָך געוואָלט דאָרט איבערבלייבן. —

גולם

אַז דו האָסט דאָך געוואָלט זיין ווייט פון מיר.

מהר"ל

פון וואַנען ווייסטו?

גולם

דו דאַרפסט מיך מער נישט האָבן

מהר"ל

פון וואַנען ווייסטו דאָס?

גולם

איך האָב שוין אַלע דיינע שליחות אָפּגעטאָן.

מהר"ל

דו ווייסט, אַז אַלע?

גולם

דו רופסט מיך מער אין ערגעץ נישט און קומסט נישט.
זיי דאָ מיט מיר.

מהר"ל

אָט בין איך דאָ.

גולם

זיי אַלע מאָל מיט מיר. נישט גיי צו זיי —

מהר"ל

צי ווייסטו וואָס די ליפּן דיינע רעדן?

גולם

שפּרינגט אויף

איך ווייס.

מהר"ל

וואָס שפּרינגסטו ? שטיי !

גולם

דו פּייניקסט מיך, פאַרוואָס ?

מהר"ל

איך האָב דיך פריי געלאָזט, געזאָגט דיר: גיי
וווהין דו ווילסט.

גולם

און איינגעשפּאַרט מיך דאָ.

מהר"ל

אַז איך האָב דיר ערלויבט צו גיין, ביסטו פונדעסטוועגן
געבליבן שטיין.

גולם

וווהין האָב איך געזאָלט אַוועקגיין ?
אַז דו האַלסט פעסט אין דיינע הענט מיין לעבן...

מהר"ל

פון וואַנען ווייסטו ד אָ ס ?

גולם

איך ווייס שוין אַלץ.
דיין האַנט איז איבער מיר, נאָר דו ביסט נישט מיט מיר.

מהר"ל

דו ווייסט, און וואָס דו ווייסט צעטומלט דיך,
פאַרפּלאָנטערט דיך נאָך מער, אָנשטאָט צו פרייען זיך –

גולם

אַז דו ביסט נישט מיט מיר.

מהר״ל

ווי זאָל איך זיין מיט דיר?

גולם

זאָט דאָ אין פּאַליש זיי מיט מיר אויף אַלע מאָל.
איך וועל די באַנק דיר אָפּגעבן צו שלאָפֿן,
און איך אַליין וועל ליגן אויפֿן דיל צופֿוסן דיר.

מהר״ל

אַזוי פיל אומרו אין דיין האַרץ, אַזוי פיל שנאה;
אַזוי פיל שוואַרצע תאווה, קאַלטע בייזקייט
און אומבאַהאָלפנקייט אין דיינע אָדערן פליסט אום...
זאָלסט שולדיק זיין אין דעם? קיין מוטערס אָטעם
האָט נישט געשפּרייט זיך איבער דיר אין קינדער־יאָרן,
קיין מלאכס פליגל האָט נישט אָנגערירט דיין וויג...
און איך האָב שוין געמיינט — דו וועסט זיך ראַטעווען,
וועסט רו געפינען, אָנהויבן ווי אַלע לעבן,
ווי יידן לעבן.

גולם

רבי, רבי.

מהר״ל

דו קאָנסט פון דיין פאַרלאָרנקייט זיך נישט באַפרייען
און איבער קיין זאַך קאָנסטו נישט דערהויבן זיך,
און אויך נישט — איבער זיך אַליין. וואָס איז פון דעם,
וואָס עפּעס האָסטו יאָ באַגריפן, יאָ פאַרנומען,
אַז אַלץ, וואָס האָט זיך פאַר דיין אויג אַנטפּלעקט,
האָט אויף אַ האָר דיין לעבן נישט געלייטערט, נישט געשטילט
דיין אומרו, אויף דיין מויל קיין שמייכל נישט געבאָרן...
די גאַנצע וועלט זאָל איך אַוועקוואַרפן, פאַרלאָזן
און בלייבן דאָ מיט דיר, — און וואָס וועט דעמאָלט זיין?

גולם

מיין אומרו הערט אַוועק פון מיר.

מהר״ל

דיין אומרו איז דיין מזל. האָסט אַליין,
דערזעענדיק צום ערשטן מאָל גאָטס וועלט,
מיט דייַנע הענט דיין מזל אָנגעצייכנט:
עס האָט דיין מויל קיין שמייכל נישט געגעבן...
איז ווייניק, וואָס דו גייסט אַרום האַלב באַרוועס
און האַלב געשוכט און הערסט ווי יידן דאַוונען?
איז ווייניק דאָס פאַר דיר?

גולם

שטייט מיט פאַרדעקטן געזיכט

מהר״ל

עס איז דיר שלעכט. איך ווייס. פּרווו איין מאָל, צוויי מאָל
אַרייַנגיין גלייך מיט אַלעמען אין שול און צוהערן,
פאַרנעמען... איך האָב דיר געהייסן שטיל זיין,
זיך האַלטן פון דער זייט, נאָר נישט דערווייטערט;
און דו, ווי נאָר דו האָסט פאַר מענטשן זיך באַוויזן,
אַזוי אַ שטעל געטאָן די פיס האָסטו, אַזוי אַ קוק געטאָן,
אַז אַלע זייַנען זיך אין שרעק צעלאָפן... —
ווי אַלץ וואָלט זיך צו דיר דערנענטערט, ווען דיין מויל
וואָלט געבן נאָר איין שמייכל...

גולם

שטייט געקלעמט

מהר״ל

וואָס שווייגסטו?

גולם

פאַרלאָז מיך נישט.

מהר"ל

אַן עדה יידן שטייט און וואַרט אויף מיר,
אין איך זאָל זיך צוועקזעצן מיט דיר.

גולם

טאָ לאָז מיך גיין צוריק אין פינפער-טורעם.

מהר"ל

דער פינפער-טורעם איז פאַרשלאָסן.

גולם

אויף אַלע מאָל?

מהר"ל

אויף אַלע מאָל.

נעמט גיין אין שול אַריין

גולם

בישט גיי אַוועק פון מיר.

כאַפּט אָן דעם מהר"ל פאַר אַ האַנט

מהר"ל

זיי שטיל, גענוג.

גולם

אויפפּאָדערנדיק

איך זאָג: פאַרבלייב!

מהר"ל

אַזוי גאָר, דו באַפעלסט?

גולם

איך באַפעל.

מהר״ל

מיט דיינע ליפּן רעדסטו דאָס ?

גולם

מיט מיינע.

מהר״ל

אַזוי ? מיט דיינע ?

גולם

מיט מיינע, יאָ! דו זעסט די האַנט —
די האַנט איז אויכעט מיינע !

פאַרמעסט זיך מיטן פויסט איבער מהר״לס קאָפּ

מהר״ל

טוט נישט קיין ציטער. ער דרינגט באַר דורך דעם גולם מיט די אויגן. דער גולם, ווי ער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיין האַנט, בלייבט אַזוי ווי פאַרגליווערט מיט דער אויפגעהויבענער האַנט אין דער לופטן

מהר״ל

וואָס שטייסטו ? קאָנסט די האַנט אַרונטערלאָזן שוין...

גייט אַריין אין שול, פאַרמאַכנדיק די טיר אַהינטער זיך

גולם

לאָזט זיך אַרונטער צום דיל, פאַלט אַנידער, אַרומכאַפּנדיק דעם קאָפּ. ער נעמט פון זיך רייסן די קליידער, די האָר. ציט זיך אויס מיטן פּנים אַראָפּ, פאַרגייט זיך אין אַ פאַרשטיקטן יאָמער.

שטיל. דורכן טיר הערט זיך ווי מען דאַוונט קבלת שבת. די ליכט אויפן קליינעם עמוד פון פּאָליש שפּריצן און וויגן זיך אין אַלע זייטן. דער גולם הויבט זיך אויף פון דער ערד, קריכט צו אויף אַלע פיר צו זיין געלעגער און טוט זיך אַ וואָרף אויף אים. פון צייט צו צייט גיט זיך אָן עפן די טיר, עס קוקן אַריין קעפּ און פאַרשווינדן צוריק. דער גולם שטעלט זיך אויף, כאַפּט דעם שוך, וויל אָנטאָן, זיינע הענט אָבער ציטערן. ער וואַרפט אַוועק צוריק דעם שוך. ער געפינט שטיקלעך ברויט און נעמט קייען. עסט און קרימט זיך. טרינקט וואַסער און שפּריצט זיך דאָס פּנים

מיט אַמאָל כאַפּט ער אַרויס אַ האַק פון אונטערן צוקאָפּנס, די האַק מיט וועלכער
ער פלעגט שפּאַלטן האָלץ, שטעלט זיך אַוועק לעבן טיר, עפנט זי ביסלעכווייז און
קוקט אַריין אין שול. עפנט און פאַרמאַכט. קענטיק, אַז ער האָט פאַרטראַכט עפּעס
שרעקלעכס. האַלט אויסגעשטרעקט די האַק אין דער הויך. פלוצלינג שפּרינגט
ער אָפּ פון טיר צום פענסטער צו, טוט אַ זעץ מיט דער האַק אין די שויבן,
שפּרינגט אַרויס דורכן פענסטער אין גאַס אַריין.

קלאָר הערט זיך יעצט יעדעס וואָרט פון חזן. ער הויבט אָן זאָגן „מזמור שיר
ליום השבת״, און דער עולם פאָלגט אים נאָך, — ווי מיט אַמאָל דערהערן זיך פון
גאַס גוואַלדיקע געשרייען, געוויינען פון פרויען און קינדער. אַ קנאַקעריי פון
שויבן און איינגעפאַלענע ווענט. דער גאַנצער עולם פון שול נעמט לויפן אין אַ
שרעקלעכער מהומה, מען לויפט אַריין אין פּאָליש. קיינער ווייסט נישט, וואָס עס האָט
פּאַסירט. דער גאַנצער עולם לאָזט זיך אַרויס אין גאַס

מהר״ל

לויפט אַריין טויט-בלאַס, גיט אַ קלאַפּ מיט די הענט

נישטאָ אים, נישטאָ אים.

הייל זיך לאָזן צום גאַס, ערשט מען לויפט אים אַנטקעגן. יידן, יידענעס, קינדער,
אַלע ברעכן מיט די הענט און וויינען

מהר״ל

וואָס איז געשען ? גיכער !

אַלע

— דער משרת ! דער גולם... מיט אַ האַק.

— שוין צווייען איבערן קאָפּ געטראָפן.

— ער מאַכט חרוב פּראָג !

— ער שליידערט הייזער !

אַלע נאָכן מהר״ל אָפּ. די טירן אָפן. מען הערט דאָס געלויפעריי און געשרייען

תנחום

מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ לויפט אַריין, נאָך אים יידן. כאַפּן אים פאַר די הענט
און פירן אים אין שול אַריין

תנחום

ווער וועט ראַטעווען, האַ ?

מיין קאָפּ ! מיין קאָפּ !

לויפן אין שול אַריין. די מהומה פון גאַס דערנענטערט זיך אַלץ מער. מהר״ל פירט אַריין דעם גולם פאַרן האַנט, און וועלכער ער, דער גולם, האַלט אַ פאַרבלוטיקטע האַק. דער עולם רייסט זיך אַריין, וואַרפט זיך צום גולם. פרויען וויינען. מהר״ל, מיט איין האַנט האַלט ער דעם גולם, מיט דער צווייטער באַשיצט ער אים פון דעם עולם.

מהר״ל

אין שול אַריין גייט אַלע. איך הייס אייך.

עולם

— פאַרגאָסן בלוט.
— יידיש בלוט.
— פאַרשטיינט אים!

מהר״ל

איך הייס אייך אַלעמען אין שול אַריינגיין.

דער עולם גייט אַריין אין שול. מהר״ל מאַכט צו ביידע טירן. דער גולם שטייט מיטן חדר. די האַק איז אין זיין האַנט ווי פאַרגליווערט געוואָרן, אַרונטערגעלאָזט זיך אַרונטער.

מהר״ל

אָ, וואָס האָסטו געטאָן? צי ווייסטו? זאָג.

גולם

פאַרגאָסן בלוט.

מהר״ל

צי ווייסטו וועמענס בלוט דו האָסט פאַרגאָסן?

גולם

יידיש בלוט.

מהר״ל

פאַלט צו מיטן פנים צום עמוד, ווו עס ברענען די שבת-ליכט

אויף מיין קאָפּ פאַלט דאָס בלוט. אויף מיין קאָפּ...

געקומען ראַטעווען און איצט אַליין פאַרגאַסן.
איז דאָס אַ שטראָף פאַר אונזער פרייד, רבונו עולם ?
איז דאָס דיין שטראָף פאַר וועלן ראַטעווען זיך ?
צי האָסטו נישט באַוויליקט ?
צי איז דאָס אַלץ געטאָן געוואָרן נישט דורך דיר ?
פאַרוואָס אַזאַ שטראָף ?...

שטיל-שווייגן

מהר"ל

צי האָסטו נאָר געוואָלט מיך אויספרווון
און אויפגעדעקט פאַר מיר דאָס איבערמענטשלעכע,
געלאָזן מיר אַ שעפער זיין, געוועלטיקן, באַפעלן,
כדי צו זען צום סוף מיין נישטיקייט, מיין גרויסע זינד ?
און מערער נאָך — מיין זינד אַנטקעגן אַלע יידן ?
וואָס איך האָב אין מיין אומגעדולד, אין מיין פאַרצווייפלונג
געוואָלט זיך אָפּקערן פון יענע וועגן פון דיין פאָלק,
וואָס זיינען שטיל, געדולדיק, פול בטחון, אייביק ?...
מיין זינד פאַר וועלן אָפּנעמען ביים פיינט דאָס זייניקע ;
דער פיינט האָט אויפגעמאָנט...
איך האָב געוואָלט פאַרמיידן בלוט און בלוט פאַרגאָסן...

פויזע

און אויף דער האַק האָב איך איינגאַנצן זיך פאַרגעסן. —
וואָס שטייסטו, קוקסט ? — די האַק איז דיר צוניץ געקומען !
אָט בויג איך מיין קאָפּ אויף אַרונטער, — שפּאַלט,
באַנעץ זי אויך מיט מיין בלוט.

גולם

רבי.

מהר"ל

אָ, שטילער ! זאָגסט נאָך רבי — גולם דו !

גולם

רבי.

מהר״ל

ווי גרויס און ווי געראַכטיק איז דיין שטראָף...
און ער — ער קאָן אפילו שולדיק דאָך נישט זיין;
ער האָט צוויי גרויסע פויסטן — הויבט ער זיי.
האָסט אויפגעעפנט מיר די אויגן צו דערזען,
ווי כ׳האָב קיין שליטה נישט אויף גרויסע פויסטן...
אָ, וואָס וועט איצטער זיין!

גולם

וועסט זיין מיט מיר.

מהר״ל

געכאַפּט פון דיינע גרויסע פויסטן.

גולם

וועסט זיין מיט מיר.

מהר״ל

אינם נעץ פון בלוט און נישט געלייטערטן שגעון.
און זאָל איך דיך פאַרלאָזן —

גולם

וועל איך ווידער —

מהר״ל

האָסט אויסגערעכנט, אויסגערעכנט גוט.

גולם

דורך בענקעניש.

מהר״ל

אַזוי? דורך בענקעניש? געפאַנגען מיך,
פון אַלע יידן, פון דער גאַנצער וועלט מיך אָפּגענומען!

איצט וועל איך שוין קיין טראָט נישט קאָנען טאָן אָן דיר.
וועל זיצן דאָ, וועל שלאָפן דאָ... אַ גוטער איינפאַל.

גולם

מיט פרייד

ווּעסט זיין מיט מיר אויף אַלע מאָל?
שוין נישט פאַרלאָזן מיך? וואָס קוקסטו ביין אַזוי?
וואָס האָב איך שלעכטס געטאָן דיר?.. זעץ זיך, רבי.
צי אפשר ווילסט זיך צושפּאַרן — ביסט מיד.
ס'וועט קיינער נישט אַריינקומען אַהער.

מהר"ל

ס'וועט קיינער נישט אַריינקומען אַהער. און דאָרט —
אַ גאַנצע עדה שטייט און וואַרט.

זעצט זיך אויפן באַנק, נעמט אַרום דעם קאָפּ, לאָזט אים אַרונטער מידערהייט.
גולם שטייט לעבן אים אַ דאַנקבאַרער, אַ צופרידענער

גולם

וועסט נישט אַוועקגיין, רבי?

מהר"ל

מיט דיר, מיט דיר. כ'וועל נישט אַוועקגיין.
כ'וועל דאָ זיין. שלאָפן דאָ און עסן דאָ...
מיט איין געשוכטן פוס און נישט געוואַשן פנים...
און דאָרט וועט שטיין דער עולם און וועט וואַרטן...
אין מיטן מזמור שיר ליום השבת...
און איך וועל נישט אַרויסקומען צום עולם...

גולם

וואָס רעדסטו, רבי? זע, דו פאַלסט באַלד.
וואָס איז דיר, רבי?

מהר״ל

עס וועט זיי נמאס ווערן וואַרטן — וועלן זיי
אַליין דאָס דאַוונען ענדיקן, אַהיים אַוועקגיין.
און איך וועל בלייבן דאָ מיט דיר, מיט דיר...
אָט וועלן באַלד די ליכט זיך אויסלעשן,
וועט ווערן פינסטער, גאָר נישט ווי אום שבת...
וואָס זאָגסטו, יאָסל? זאָגסט עפּעס?

גולם

איך שווייג דאָך, רבי.

מהר״ל

דו שווייגסט? און מיר האָט זיך געדאַכט דו זאָגסט עפּעס...
וועט ווערן פינסטער — וועלן מיר צוזאַמען
אַזוי אָ זיצן. דו — מיט דיין פאַרבלוטיקט האַק,
און איך — —

זינקט אַרונטער נישט פאַרענדיקנדיק זיינע ווערטער. פון שול דערטראָגט ז־ך אַ טומל. עמעצער רייסט זיך צום טיר. די טיר רייסט זיך אויף און עס לויפט אַריין דבורהל. עמעצער פון שול פאַרמאַכט די טיר צוריק

דבורהל

זיידע, זיידע.

וויינט

גולם

מיט פרייד

אָ, רבי, זע, דבורהל!

מהר״ל

הויבט קוים אויף דעם קאָפּ

וואָס איז דיר, טאָכטער?

דבורהל

ב'האָב מורא. קום אַרויס פון דאַנען, זיידע.
די באָבע וויינט און אַלע וויינען; קום אַרויס, —
וואָס איז דיר, זיידע?

גולם

דער רבי בלייבט מיט מיר... נישט וויין. ביסט אויך געקומען?
וועסט אויך פאַרבלייבן, דבורהל? בלייב, בלייב.

דבורהל

וואָס רעדט ער? זיידע, ענטפער.

מהר"ל

נישט וויין, מיין טאָכטער.

גולם

וואָס גייסטו נישט צו צו מיר? וואָס האָסטו מורא, דבורהל?

דבורהל

וואָס רעדט ער? זיידע.

פאַלט אויפן האַלז דעם מהר"ל

מהר"ל

כ'בין מיד... איך רו... נישט וויין...

דבורהל

שפּרינגט צו צום גולם

רוצח!

גולם

כאַפּט דבורהלען פאַרן האַנט

מען דאַרף נישט שרייען. שרעק זיך נישט. דער רבי רוט.

בישט וועק אים... וויין נישט; זעסט, איך טו דיר גאָרנישט.
ווּעסט דאָ פאַרבלייבן, יאָ?

דבורהל

רייסט די האַנט פון אים

נישט ריר מיך אָן, נישט ריר מיך אָן. אַוועק.

גולם

נישט שריי. דער רבי שרייט דאָך אויך נישט...
און מיר איז גוט, און מיר איז פריילעך...
ווי שמעקנדיק דיין קאָפּ איז, דבורהל, דיינע האָר,
און דיינע הענט אַזוינע וואַרעמע... וואָס רייסטו זיך!
איך האַלט דיך פעסט. ביסט מיינע, מיינע,
צו מיר געקומען...

ער ציט זי צו זיך

דבורהל

וואָס זאָגסטו גאָרנישט? זיידע, זיידע. זע!

מהר"ל

זיצט געזונקען

גולם

ביסט מיינע, יאָ? ביסט מיינע. ביסט אַ גוטע.
און ווּ ביסטו געווען די גאַנצע צייט?
אָ, דבורהל.

קלאַמערט זי אַריין אין זיינע אָרעמס

דבורהל

ווּיינט פאַרשטיקט אין זיינע אָרעמס

מהר"ל

הויבט זיך אויף, פאַרברעכט די הענט

אויך זי אַריינגעכאַפּט האָסטו!

מיט צוריק געפונענער קראַפט

יאָסל! גולם דו!

גולם

באַפרייט דבורהלען

דבורהל

פאַלט צו צום מהר״ל

באַהאַלט מיך. קום אַרויס פון דאַנען.

מהר״ל

פעסט

גיי זאָג אין שול: איך קום באַלד.

דבורהל

קום שוין, כ'האָב מורא.

מהר״ל

איך זאָג דאָך: גיי.
זיי רויק, טאָכטער, גיי.

דבורהל אין שרעק אָפּ

גולם

וווהין איז זי אַוועק? וווהין? פאַרוואָס?

מהר״ל

קיין צווייטער טאָר נישט זען ווי דו ריכסט אָפּ דיין שליחות.

גולם

שליחות? וועלכע שליחות? האָב איך דען
נישט אַלע דיינע שליחות אָפּגעטאָן?

מהר״ל

די לעצטע שליחות. זעסט, עס לעשן זיך
די ליכט שוין אויס. נאָר איין און איינציק ליכט
דאָס לעצטע, פינקלט נאָך, און באַלד וועט אויך
דאָס לעצטע זיך פאַרלעשן... דאַרפסט זיך איילן,

גולם

ווהין זאָל איך זיך איילן, רבי?

מהר"ל

אַרויסגיין פון דער פינסטערניש. געציילטע רגעס
פאַרבליבן זייבען נאָך, געציילטע רגעס.
אַז נישט וועט פינסטער ווערן גאָר אינגאַנצן, יאָסל —
וועט זיין שוין שפּעט די לעצטע שליחות טאָן.
איך הייס דיר איילן זיך.

גולם

וואָס דאַרף איך טאָן?

מהר"ל

אָ, פרעג נישט, פרעג נישט. אַלץ איז שוין
פאַרשלאָסן און פאַרחתמעט און פאַרגעבן...
איך האָב שוין אָפּגערוט...

גולם

איך פאָלג דיר, רבי. רוף מיך ווען איך גיין.

מהר"ל

דו דאַרפסט נישט גיין. אָט דאָ פאַר מיינע אויגן
וועסט אויספירן דיין לעצטע שליחות. לייג זיך צו דער ערד.

גולם

ווי דאַן? דעם אויער צולייגן, זיך איינהערן?

מהר"ל

וועסט גאָרנישט הערן היינט. די ערד איז שטום.
זי רוט. ס'איז שבת היינט. וועסט אויך גיין רוען.
ווייל איך האָב מיך שוין אָפּגערוט, און דו נאָך נישט.

גולם

וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר?

מהר"ל

דו הערסט דאָך: רו דיר געבן, שבת־רו...
דיין גאַנץ לעבן שרייט אַרויס נאָך רו...
איך הייס דיר. לייג זיך אויף דער ערד אַוועק.

גולם

לייגט זיך אוועק אויפן דיל

אָט ליג איך, רבי.

מהר"ל

צי אויס די פיס.

גולם

אָט האָב איך זיי שוין אויסגעצויגן, רבי.

מהר"ל

צי אויס די הענט.

גולם

זעצט זיך אויף אין ציטערניש

וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר? וואָס ווילסטו טאָן?

מהר"ל

נישט פרעג.

גולם

ציט זיך מיט די הענט צום מהר"ל

נישט הייס מיר לייגן זיך, נישט הייס מיר, רבי, רבי.
וואָס ווילסטו טאָן מיט מיר?

מהר״ל

נישטאָ קיין ענטפער. צי זיך אויס אַ צווייטן מאָל.

גולם

אָט האָב איך זיי שוין אויסגעצויגן, רבי.
וועסט אָבער נישט אַוועקגיין, רבי, — יאָ?

מהר״ל

מאַך צו די אויגן.

גולם

וועסט בלייבן דאָ מיט מיר אויף שטענדיק, יאָ?
אָט האָב איך זיי שוין צוגעמאַכט...

מהר״ל

כ׳בין גוזר: זאָלן דיינע הענט און פיס, דיין קאָפּ,
דיין גוף מיט אַלע זיינע אברים, גידים
זיך אומקערן צוריק צו זייער רו.
הויך אויס דיין לעצטן אָטעם. אמן.

גולם

באַוועגט זיך נישט מער. דאָס צאַנקענדיקע ליכט אינם עמוד פאַרלעשט זיך

מהר״ל

שטייט איבערן געשטאָרבענעם אַ לענגערע צייט, גיט זיך אַ ריר פון אָרט, גייט צו
צום טיר פון שול, עפנט און זאָגט אַריין

רופט דעם שמש צו.

דער שמש קומט צו צום טיר

מהר״ל

צום שמש

לאָז קיינעם נישט אַריין אַהער ביז איבער שבת...

און איצט רוף אויס צו זאָגן נאָכאַמאָל
פון אָנהויב „מזמור שיר ליום השבת“ —

גייט אַרויס און פאַרמאַכט פעסט די טיר, פינסטער. דער איבו נראא שליכט זיך אַריין

אינו נראה

דער פינפער-טורעם איז שוין אָפן ווידער..
צי אפשר, ווייל דאָס איז די לעצטע רגע
צעעפענען זיך אַלע שלעסער און זיי רופן: קום..
אָט קום איך. סיי ווי סיי וואָלט איך געקומען,
אפילו ווען די שלעסער וואָלטן בלייבן הענגען.

שטייט איינגעבויגן איבערן געשטאָרבענעם

דערווייל האָט זיך מיט איינאונאיינציק רגע
פאַרצויגן מער, דורך מיר, דיין לעבן; —
זיי דאַנקבאַר מיר פאַר דער געראַטעוועטער רגע,
ווייל אָט פאַרגייט זי...

פאַלט אַנידער איבערן געשטאָרבענעם.

ניו-יאָרק, 1917-1920.